STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01874

DER REKHTLEKHER MATSEV FUN YIDN IN POYLN TSVISHN BAYDE VELT-MILKHOMES

Leon Brandes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רעכטלעכער מצב פֿון ייִדן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות

פֿון

לעאָן בראַנדעס

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ

סעפּאַראַטער אָפּדרוק פֿון

ייִוואָ־בלעטער, באַנד XLII

1962

דער רעכטלעכער מצב פֿון ייִדן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות*

פֿון לעאָן בראַנדעס

מײַן טאָכטער האַלינקע — לזכרון

אַרײַנפֿיר

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, סוף 1918, ווערט מקוים דער חלום פֿון פּוילישן פֿאָלק צוריק צו ווערן אומאָפּהענגיק. פּוילן הייבט אָן אויף ס׳נײַ צו פֿירן אַ זעלבשטענדיק מלוכה־לעבן.

ווי באַוווּסט איז פּוילן אין 1795 פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, פּרײַסן און עסטרײַך. דעם ווײַט גרעסטן טייל פֿון איר נײַער מלוכה־טעריטאָריע האָט פּוילן באַקומען אויפֿן סמך פֿון ווערסאַלער טראַקטאַט, אַ צווייטן טייל (ווילנער קאַנט) — נאָך גענעראַל זשעליגאָווסקיס קאַמפּאַניע אין ליטע, און דער דריטער טייל (דער מיזרחדיקער) ווערט אײַנגעגלידערט אין דער פּוילישער מלוכה נאָך דער פּויליש־רוסישער מלחמה, אויפֿן סמך פֿון ריגער טראַקטאַט.

לויט דער פֿאָלקסציילונג אין 1921 זײַנען אין פּוילן געווען 27,176,000 אײַנוווינערס (אין קײַלעכדיקע ציפֿערן). לויט זייער רעליגיע זײַנען זיי געווען אײַנגעטיילט אַזוי:

רעליגיע	צאָל	%
רוימיש־קאַטוילישע	17,365,000	63.9
גריכיש־קאַטוילישע	3,031,000	11.2
פּראַוואָסלאַוונע	2,848,000	10.5
עוואַנגעלישע	1,002,000	3.7
ייִדישע	2,846,000	10.4
אַנדערע	84,000	0.3
ס״ה —	27,176,000	100.0

די דאָזיקע ציפֿערן ווײַזן אונדז אַז שוין אין אָנהייב פֿון איר נײַער זעלבשטענדיקייט איז פּוילן געווען אַ קלאַסישער בײַשפּיל פֿון אַ נאַציאָנאַליטעטן־

* אין דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך זיך געשטיצט אויפֿן אָפֿיציעלן פּוילישן רעגירונגס־אָרגאַן *Dziennik Ustaw*, אויף אורטיילן פֿון פּוילישן העכסטן געריכט, אויף סטענאָגראַפֿישע באַריכטן פֿון סיים־זיצונגען, אויף דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן און אויף דעם *American Jewish Year Book*.

מלוכה, כאָטש פֿאַר דער וועלט האָט זי עס קיין מאָל נישט מודה געווען און געפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון אַ נאַציאָנאַל־איינהייטלעכער מלוכה.

אויב די נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם אין פּוילן איז בכלל געווען גענוג קאָמפּליצירט, האָט די פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער מינדערהייט געהערט צו די סאַמע שווערסטע.

וואָס שייך דער רעכטלעכער סיטואַציע פֿון דער ייִדישער מינדערהייט איז די ירושה וואָס פּוילן האָט איבערגענומען פֿון די באַזונדערע אָקופּאַנטן געווען אַ היפּש רעאַקציאָנערע. די נײַ אויפֿגעקומענע פּוילישע מלוכה האָט אין איר אָרגאַניזאַציע־פּעריאָד (1921—1918) נישט אָפּגעשאַפֿט די אַלטע רעאַקציאָנערע ייִדן־באַגרענעצונגען פֿון די פֿריִערדיקע אָקופּאַנטן, פֿאַרקערט, די אָפֿיציעלע מאַכטאָרגאַנען האָבן אין אַ ריי פֿאַלן זיך גאָר פֿאַררופֿן אויף זיי און זיי אָנגעווענדט אין לעבן.

דאָס ערשטע פּוילישע געזעץ וועגן ייִדן איז געווען דער דעקרעט פֿון 7טן פֿעברואַר 1919 וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע קהילות אין געוו׳ קאָנגרעס־פּוילן, ווו די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ רעליגיעזער קאָלעקטיוו.[1] ס׳איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס דאָס ערשטע געזעץ וועגן ייִדן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפֿן געביט פֿון רעליגיע, וואָרעם וועגן אָנערקענען ייִדן ווי אַ נאַציע, וואָס מען דאַרף איר געבן נאַציאָנאַלע רעכט, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער נײַ אויפֿגעקומענער מלוכה אַפֿילו נישט געטראַכט. און פֿון אָט דער שיטה, אַז ייִדן שטעלן מיט זיך פֿאַר בלויז אַ רעליגיעזע געמיינשאַפֿט און נישט קיין נאַציאָנאַלן קיבוץ, איז שוין קיין איינע פֿון די פּוילישע רעגירונגען נישט אָפּגעטראָטן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווען דער סיים האָט דעם 17טן מאַרץ 1921 אָנגענומען די נײַע קאָנסטיטוציע, שפּעטער באַקאַנט ווי די „מאַרץ־קאָנסטיטוציע", וואָס לויט איר האָבן אַלע בירגערס באַדאַרפֿט געניסן פֿון פֿולער גלײַך־באַרעכטיקונג, האָט זיך אָבער די רעכטלעכע לאַגע פֿון די פּוילישע ייִדן אויף אַ האָר נישט געביטן, פּונקט ווי זי האָט זיך נישט געביטן נאָך דעם ווי די מלוכה האָט אונטערגעשריבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן. דער אַרטיקל 126 פֿון דער דערמאָנטער קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז אַלע ביזאיצטיקע פֿאַראָרדענונגען און יורידישע אײַנריכטונגען, וואָס זײַנען נישט אין הסכם מיט די באַשטימונגען פֿון דער קאָנסטיטוציע, וועלן שפּעטסטנס אין משך פֿון אַ יאָר (נאָכן אָננעמען די קאָנסטיטוציע דורכן סיים) פֿאַרגעלייגט ווערן פֿאַר אַ געזעץ־געבערישער קערפּערשאַפֿט כּדי צו פֿאַראיינהייטלעכן זיי מיט דער קאָנסטיטוציע.

ווי מיר זעען האָבן די מחברים פֿון דער קאָנסטיטוציע אַ ביסל באַשווערט די טעכניק פֿון אָפּשאַפֿן פֿריִערדיקע געזעצן: כּדי זיי מבֿטל צו מאַכן איז נישט

---

[1] "Dekret o zmianach w organizacji gmin wyznaniowych żydowskich na terenie b. Królestwa Kongresowego," *Dziennik Ustaw Państwa Polskiego*, no. 14, 8-go lutego, 1919, poz. 175.

געזעץ קיין רעגירונגס־פֿאַראָרדענונג, נאָר אַלץ מוז פֿאַרקומען אויפֿן נאָרמאַלן פּאַרלאַמענטאַרישן וועג. אויף געוויסע אָפּשניטן זײַנען שפּעטער טאָקע טייל פֿריִערדיקע געזעצן אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, אָבער בנוגע דער ייִדישער מינדערהייט איז די באַשטימונג פֿון דער קאָנסטיטוציע געבליבן אַ געזעץ אָן סאַנקציע, ווײַל קיין אויסצוג פֿון אַלע ייִדן־באַגרענעצונגען איז אין משך פֿון יאָר נישט פֿאַרגע־לייגט געוואָרן דעם סיים, ער זאָל זיי אָפּשאַפֿן. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ דואַליזם: פֿון איין זײַט טעאָרעטישע גלײַך־באַרעכטיקונג אויפֿן פּאַפּיר, פֿון דער אַנדערער זײַט — די באַגרענעצונגען פֿון די פֿריִערדיקע אָקופּאַנטן וואָס זײַנען נאָך אַלץ אָנגעווענדט געוואָרן לגבי דער ייִדישער מינדערהייט.

אין 1921 האָט די רעגירונג פֿאַרעפֿנטלעכט אין מאָניטאָר פּאָלסקי (אַ רעגי־רונגס־בלאַט, ווו ס'זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַלע אָפֿיציעלע פֿאַראָרדע־נונגען) אַ דערקלערונג, אַז די אַנטי־ייִדישע באַגרענעצונגען זײַנען בטל, אָבער אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז די דערקלערונג אָפּגערופֿן געוואָרן. אין דעם פּרט איז זייער אינטערעסאַנט די שטעלונג פֿון די העכסטע פּוילישע געריכט־אָרגאַנען. דאָס העכסטע פּוילישע געריכט, אין אַן אורטייל פֿון 16טן פֿעברואַר 1924, האָט זיך געשטעלט אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז אַלע באַגרענעצונגען וואָס זײַנען אין סתירה מיט דער קאָנסטיטוציע פֿון אומאָפּהענגיקן פּוילן זײַנען ממילא בטל. גאָר אַן אַנדער שטעלונג האָט אָנגענומען דער העכסטער אַדמי־ניסטראַטיווער טריבונאַל.[2] אין אַן אורטייל פֿון 30סטן אָקטאָבער 1924, אין פּראָצעס פֿון אַ געוויסן שײַקאָווסקי, האָט זיך דער העכסטער אַדמיניסטראַטיווער טריבונאַל געשטעלט אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז די קאָנסטיטוציע איז אַ געזעץ פֿון אַ דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער מיט אַן אַלגעמיינעם אינהאַלט און דעריבער זײַנען אַלע אויסנאַם־געזעצן גילטיק ביז וואַנען עס וועלן נישט אַרויסגעגעבן ווערן די פֿאַרשריפֿטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם אַרטיקל 126 פֿון דער קאָנסטיטו־ציע. מיט דער צײַט האָט דאָס העכסטע געריכט, ווײַזט אויס אונטערן אײַנפֿלוס פֿון העכסטן אַדמיניסטראַטיוון טריבונאַל, געביטן זײַן פֿריִערדיקע שטעלונג. אַזוי למשל האָט דאָס העכסטע געריכט, אין אַן אורטייל פֿון 14טן נאָוועמבער 1928 (NRW 2/28), זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די פֿריִערדיקע באַגרענעצונגען זײַנען יאָ גילטיק. אינעם דאָזיקן פּראָצעס האָט זיך איין צד פֿאַררופֿן אויף אַ דאָקומענט וואָס איז געווען געשריבן אין ייִדיש, איז געקומען דער צווייטער צד, וואָס אים איז דער דאָקומענט געווען נישט צום הרצן, און האָט זיך פֿאַררופֿן אויף אַן עסטרײַכישן דעקרעט (דער ענין האָט געהאַט אַ שײַכות צום שטח פֿון גאַליציע) פֿון 1914, וואָס לויט אים זײַנען דאָקומענטן אין דער ייִדישער אָדער העברעיִשער שפּראַך נישט גילטיק און מען טאָר זיך אויף זיי נישט פֿאַררופֿן

[2] אין פּוילן האָבן עקסיסטירט צוויי העכסטע געריכט־אינסטאַנצן: (1) דאָס העכסטע געריכט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם ענדגילטיקן פּסק־דין אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן; (2) דער העכסטער אַדמיניסטראַטיווער טריבונאַל, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט באַטראַכטן אין דער לעצטער אינסטאַנץ פּראָצעסן פֿון אַן אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער. ס'האָט אָפֿט געטראָפֿן, אַז געוויסע פּראָבלעמען, אין שײַכות מיט גאַנץ באַזונדערע פּראָצעסן, זײַנען באַטראַכט געוואָרן פֿון ביידע העכסטע געריכט־אינסטאַנצן.

אין געריכט. דער צד וואָס האָט זיך געוואָלט פאַררופן אויפן דאָקומענט האָט געטענהט, אַז דער עסטרײַכישער דעקרעט איז אומקאָנסטיטוציאָנעל. דאָס העכסטע געריכט האָט געפסקנט, אַז דער עסטרײַכישער דעקרעט פון 1914 איז ווײַטער גילטיק. ווי מיר זעען האָבן זיך בײדע העכסטע געריכט־אינסטאַנצן ענדגילטיק געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז כּל־זמן ס'וועט נישט אַרויסגעגעבן ווערן קיין ספּעציעלער געזעץ וואָס שאַפט אָפּ אָט די נאַציאָנאַלע באַגרענע־צונגען, זײַנען זיי ווײַטער גילטיק.

ווען נאָך דער מלוכה־איבערקערעניש אין מײַ 1926 קומט צו דער מאַכט דער פּילסודסקי־לאַגער, באַמיט ער זיך אין זײַנע האָניק־חדשים צו געווינען דעם צוטרוי פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דער יידישער בתוכם; מען הייבט אָן געבן פאַרשיידענע צוזאָגן אין שײַכות מיט די פריִערדיקע אָקופּאַנטישע יידן־באַגרענעצונגען. בעת דער סיים־דעבאַטע וועגן פולמאַכטן פאַר דער רעגירונג (דעם 19טן יולי 1926) נעמט אַ וואָרט דער פּרעמיער באַרטעל און גיט אָפּ אַ דערקלערונג וועגן דער יידן־פראַגע. ער פאַרזיכערט דער יידישער באַפעלקע־רונג, אַז זײַן רעגירונג וועט נישט דערלאָזן צו מינערן די ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און אַנדערע רעכט פון בירגערס, וואָס געהערן נישט צו דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט. די מלוכה וועט שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון גערעכטיקייט און זאַכלעכקייט און נישט רעכענען זיך מיט דער נאַציאָנאַליטעט אָדער מיטן גלויבן פון אירע בירגערס. לסוף האָט דער פּרעמיער באַרטעל צוגעזאָגט אָפּצושאַפן אַלע יידישע באַגרענעצונגען וואָס עקסיסטירן פון די אָקופּאַנטישע צײַטן. אָבער דאָס אַלץ איז פאַרבליבן אַ פּרומער צוזאָג. די נאָך־מײַ־רעגירונגען האָבן נישט געמאַכט קיין שום פּרווו צו געבן גלײַך־באַרעכטי־קונג דער יידישער מינדערהייט. אמת, אין 1931 ווערט אָנגענומען אַ געזעץ וואָס שאַפט אָפּ אַלע פריִערדיקע אָקופּאַנטישע באַגרענעצונגען, אָבער דאָס האָט שוין נישט געהאַט קיין ממשות, ווײַל אין די עטלעכע יאָר פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט זײַנען פאַקטיש אײַנגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי נײַע באַגרענעצונגען פאַר יידן.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה (1936—1939) ווערט דער מצב פון די פּוילישע יידן נאָך ערגער. אונטער דער השפּעה פון דעם שכנותדיקן היטלער־דײַטשלאַנד הייבט זיך אָן אין פּוילן אַ באַוועגונג פאַר אַן אַנטי־יידישער געזעץ־געבונג. קודם־כּל קומט די דערקלערונג פון דער פּוילישער רעגירונג אויף איינער פון די סעסיעס פון דער פעלקער־ליגע, אַז זי האַלט זיך מער נישט געבונדן מיט די באַשטימונגען פון טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן; דערנאָך קומען אַ גאַנצע סעריע געזעצן און פאַראָר־דענונגען וואָס טראָגן כּלומרשט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אָבער פאַקטיש זײַנען זיי מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אויף אַ סובטעלן אופן געווענדט קעגן יידן (למשל די געזעצן וועגן בירגעררעכט, וועגן שליסן די אַדוואָקאַטן־ און דאָקטוירים־רשימות, וועגן שחיטה, וועגן האַנדל מיט אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אד״גל. וועגן די אַלע געזעצן — זען ווײַטער). די דאָזיקע יאָרן זײַנען בלי־ספק געווען די קריטישסטע פאַר דער יידישער מינדערהייט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

רעכט פֿאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן

אין כּמעט יעדער מאָדערנער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע פֿון די לענדער מיט אַ געמישטער באַפֿעלקערונג געפֿינען זיך באַשטימונגען, וואָס שטעלן פֿעסט די רעכט פֿון די שייכדיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

בײַ די פֿאַרהאַנדלונגען וועגן דעם ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט איז אויפֿגעשטאַנען די פֿראַגע פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די באַזונדערע מלוכות. ס'האָט זיך דער עיקר געהאַנדלט וועגן פֿאַרזיכערן די רעכט פֿון יענע מינדערהייטן, וואָס זײַנען נאָך דער מלחמה אַרונטערגעפֿאַלן אונטער פֿרעמדער ממשלה, למשל די דײַטשע מינדערהייט אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם נײַ אויפֿגעקומענעם פּוילן, אָדער די פּוילישע מינדערהייט אין דײַטשלאַנד.

די פּוילישע דעלעגאַציע מיטן פּרעמיער פּאַדערעווסקי בראָש האָט געאַרבעט מעשׂים, מען זאָל נישט אָנוואַרפֿן דער נײַ אויפֿגעשטאַנענער מלוכה קיין אָפּמאַך וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווײַל אין פּוילן געניסן שוין די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן כּמעט פֿון אַלע רעכט און ווו די דאָזיקע גלײַך־באַרעכטיקונג איז נאָך נישט פֿולשטענדיק וועט פּוילן אַליין פֿאַרזיכערן די פֿולע רעכט פֿון די מינדערהייטן. אַן אויפֿגעצוווּנגענער ספּעציעלער אָפּמאַך — האָט די דעלעגאַציע געטענהט — וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה לגבי פּוילן, אַ באַליידיקונג פֿון איר נאַציאָנאַלן כּבֿוד און אַ פֿאַרמינערונג פֿון איר סוווערעניטעט.

דער ערשטער פּראָיעקט פֿון טראַקטאַט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿון דער „קאָמיסיע פֿאַר נײַע מלוכות" בײַ דער שלום־קאָנפֿערענץ. דעם 22סטן מײַ ווערט דער פּראָיעקט איבערגעגעבן דער פּוילישער דעלעגאַציע.

דער פּראָיעקט האָט פֿאַרויסגעזען צווישן אַנדערע אַ גאַראַנטיע פֿאַר אַ ברייטער אויטאָנאָמיע פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. קעגן דעם האָט זיך די פּוילישע דעלעגאַציע צום מערסטן געווערט. דער פּוילישער סיים איז דעריבער פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, און דעם 23סטן מײַ 1919, דאָס הייסט באַלד צו מאָרגנס נאָכן איבערגעבן דער פּוילישער דעלעגאַציע דעם פּראָיעקט פֿון טראַקטאַט, האָט ער אָנגענומען דעם ווײַטערדיקן זייער כאַראַקטעריסטישן באַשלוס:

> די רעפּובליק שטרעבט צו פֿאַראייניקן אַלע טיילן פֿון דער פּוילישער ערד און גאַראַנטירט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן גלײַך־באַרעכטיקונג און נאַציאָנאַל־קולטורעלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אויף די טעריטאָריעס מיט געמישטע פֿעלקער.

די מערהייט פֿון פּוילישן סיים איז אויסן געווען מיט דעם באַשלוס צו דערגרייכן צוויי צילן: ערשטנס, דעמאָנסטרירן פֿאַר דער וועלט, אַז עס זײַנען נישט נייטיק קיין אויסערלעכע פֿאַקטאָרן וואָס זאָלן גאַראַנטירן די רעכט פֿון אירע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; פֿון דער צווייטער זײַט האָט אָבער די מערהייט פֿון סיים גלײַכצײַטיק געוואָלט פֿעסטשטעלן די גרענעצן פֿון איר נאָכגיביקייט אין דעם ענין פֿון אויטאָנאָמיע, ווײַל לויטן באַשלוס האָט נאַציאָנאַל־קולטורעלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג געהאַט אַ שײַכות נאָר צו די ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל ע מינ־

דערהייטן, אָבער ניט צו דער יידישער מינדערהייט וואָס איז כּידוע געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

בכדי נאָך מער צו פאַרשטאַרקן די שטעלונג פון דער פּוילישער דעלעגאַציע אין ווערסאַל, נעמט דער פּוילישער סיים אָן דעם 6טן יוני 1919 אַ צווייטן באַשלוס:

דער סיים פון דער פּוילישער רעפּובליק שטעלט פעסט, אַז נאַציאָ־נאַלע און רעליגיעזע מינדערהייטן וועלן אַלע מאָל געניסן אין פּוילן פולשטענדיקע פרײַהייט און אַלע רעכט וואָס קומט זיי אָדער וואָס זיי וועלן געניסן אין די נאָבעלע מערבֿ־דעמאָקראַטיעס, וואָס פּוילן האָט זיי נישט איין מאָל איבערגעיאָגט אין ענין פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער גלײַך־באַרעכטיקונג.

מיטן דאָזיקן באַשלוס האָט דער סיים געוואָלט טרעפן ענגלאַנד און פראַנקרײַך, די הויפּט־דעה־זאָגערס אין ווערסאַל.

ניט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע פון דער פּוילישער דעלעגאַציע איז דער טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, נאָך דעם ווי ס'זײַנען אין אים אַרײַנגעפירט געוואָרן שינויים, דאָך אָנגענומען געוואָרן (דעם 18טן יוני 1919). פאַרשטייט זיך, אַז די שייכדיקע מלוכות האָבן געדאַרפט ראַטיפיצירן דעם אָפּמאַך דורך זייערע געזעץ־געבערישע אינסטאַנצן.

פּוילן האָט ראַטיפיצירט דעם אָפּמאַך נאָך אַ שטורמישער דעבאַטע אין סיים. קעגן דער ראַטיפיקאַציע האָבן גראָד געשטימט די לינקע פּאַרטייען, ווי פּפּ"ס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) און די פּויערים־פּאַרטיי, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז רעכט וואָס זײַנען אָנגעוואָרפן האָבן קיין מאָל נישט קיין האַפט; צווייטנס האָבן אָט די גרופּירונגען אײַנגעזען אינעם טראַקטאַט אַ נטיה צו באַגרענעצן פּוילנס סוווערעניטעט.

דער טראַקטאַט וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָט אַרומגענומען די ווײַטערדיקע קאַטעגאָריעס רעכט: (א) פּאָליטישע; (ב) נאַציאָנאַל־קולטורעלע און רעליגיעזע; (ג) בירגערלעכע, און (ד) ספּעציעלע רעכט פאַר דער יידישער מינדערהייט בנוגע שבת און אויפן שול־ און פינאַנץ־געביט (צו ניצן אַ טייל פון די קהילה־פאָנדן פאַר שולצוועקן).[3]

נאַציאָנאַל־קולטורעלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון דער יידישער מינדערהייט איז קיין מאָל נישט רעאַליזירט געוואָרן פון קיין שום רעגירונג אין פּוילן. אין דעם פּרט איז כמעט נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן די פּאַרלאַמענ־טאַרישע רעגירונגען, וואָס האָבן געהערשט אין פּוילן ביז פּילסודסקיס מלוכה־איבערקערעניש (1926), און די שפּעטערדיקע האַלב־פאַשיסטישע רעגירונגען.

קיין איינע פון די רעגירונגען האָט נישט אָנערקענט די יידישע מינדערהייט ווי אַ נאַציע און איר נישט געגעבן דאָס רעכט צו באַשטימען וועגן אירע נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפענישן. דאָ האָט געזיגט דער אַלטער אַסימי־

[3] וועגן קאַמף פאַר יידישע שולן בײַם באַהאַנדלען דעם מינדערהייטס־טראַקטאַט, זען יוסף טענענבוים, „די יידישע שפּראַך אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז, 1919", ייוואָ־בלעטער, ב' XLI, זז' 217—229.

לאַטאַרישער שטאַנדפּונקט, אַז ייִדן זײַנען נישט קיין פֿאָלק און במילא דאַרף מען זיי נישט געבן קיין זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגס־רעכט.

די פּוילישע מאַרץ־קאָנסטיטוציע (אַרטיקל 109) האָט פֿאַרויסגעזען אַז אַ באַזונדער געזעץ וועט אַרויסגעגעבן ווערן, וואָס וועט פֿאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן אַ פֿולע און פֿרײַע אַנטוויקלונג פֿון זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט דורך אויטאָנאָמע מינדערהייטס־פֿאַרבאַנדן פֿון אַן עפֿנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער. אָבער נישט געקוקט אויף דער בפֿירושער באַשטימונג פֿון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע איז אַזאַ געזעץ בנוגע דער ייִדישער מינדער־הייט קיין מאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן.

אַ געוויסער סוראָגאַט פֿון ייִדישער רעליגיעזער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג האָט עקסיסטירט אין דער פֿאָרעם פֿון ייִדישע קהילות. אין הסכּם מיט פּוילנס אַלטער טראַדיציע איז די קהילה צוריק אויפֿגעלעבט געוואָרן. אָבער אַפֿילו אויף דעם אָפּשניט האָט די פּוילישע יוריספּרודענץ נישט אָנערקענט די קהילות ווי זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען.

ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם כאַראַקטעריסטישן אורטייל פֿון העכסטן געריכט פֿון 14טן יאַנואַר 1932,[4] אַז די ייִדישע קהילות שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ רעליגיעזן פֿאַרבאַנד, אָבער נישט קיין זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגס־אָרגאַן אין זינען פֿון אַרטיקל 109 פֿון דער מאַרץ־קאָנסטיטוציע.

געזעץ וועגן ייִדישע קהילות

דער דעקרעט פֿון 7טן פֿעברואַר 1919 וועגן די אָרגאַניזאַציע־שינויים אין די ייִדישע רעליגיעזע קהילות אין קאָנגרעס־פּוילן איז אייגנטלעך געווען אַן איבערחזרונג פֿון דער דײַטש־אָקופּאַנטישער פֿאַראָרדענונג פֿון נאָוועמבער 1916, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן ייִדן אַ סטאַטוס פֿון ייִדישער רעליגיעזער געמיינשאַפֿט. אָבער די דײַטשע פֿאַראָרדענונג איז נישט גלאַט קאָפּירט געוואָרן. די פּוילישע רעגירונג האָט צו די דײַטשע תּקנות צוגעגעבן אַ ריי הוספֿות וואָס האָבן זיי געמאַכט נאָך ערגער, ווי מיר וועלן זען ווײַטער.

לכתּחילה האָט דער דעקרעט וועגן ייִדישע רעליגיעזע קהילות אַרומגענומען נאָר קאָנגרעס־פּוילן, שפּעטער אָבער — ווען פּוילנס גרענעצן זײַנען ענדגילטיק פֿעסטגעשטעלט געוואָרן און ס'איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַראייניקטלעכונג פֿון די באַזונדערע געביטן פֿון לאַנד — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אייניקטלעך געזעץ וועגן רעכטלעכן צושטאַנד פֿון די ייִדישע קהילות אויפֿן שטח פֿון גאַנצן לאַנד (אַחוץ דער שלעזישער וואָיעוואָדשאַפֿט). דאָס געזעץ פֿון 14טן אָקטאָבער 1927 איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זײַן ענדגילטיקער רעדאַקציע אין דער פֿאָרעם פֿון אַ פֿאַראָרדענונג פֿון מיניסטער פֿאַר אמונות און עפֿנטלעכער בילדונג דעם 5טן אַפּריל 1928. וועלן מיר דאָ ביידע געזעצן באַהאַנדלען צוזאַמען.

דאָס געזעץ וועגן קהילות באַשטימט, לויטן מוסטער פֿון דער דײַטשער פֿאַר־

[4] Zbiór orzeczeń Sądu Najwyższego (wyrok z dnia 14-go stycznia, 1932, II, I.K. 1110/31).

אַרדענונג פֿון נאָוועמבער 1916, אַז יידן וואָס וווינען אין פּוילן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ רעליגיעזן פֿאַרבאַנד פֿון אַן עפֿנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער. דער פֿאַרבאַנד באַשטייט פֿון קהילות מיט אַ רעליגיעזן ראַט בראָש. דער ראַט און די באַזונדערע קהילות האָבן קאָרפּאָראַציע־רעכט.

ביידע דעקרעטן אָנערקענען דעם עפֿנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער פֿון די קהילות. דאָס באַטייט, ערשטנס, אַז די אָנגעהעריקייט צו דער קהילה איז אָבליגאַטאָריש פֿאַר אַלע יידן; צווייטנס, אַז די מלוכה שטעלט אין רשות פֿון דער קהילה איר מאַכט־אַפּאַראַט, אַז הינטער די באַשלוסן פֿון די קהילות שטייט דער אויטאָריטעט און כּוח פֿון דער מלוכה. אַזוי, למשל, פֿאַרנעמען זיך די שטאָטישע און רעגירונגס־באַאַמטע מיט אויפֿמאָנען דעם קהילה־שטייער אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון וועג.

קאָמפּעטענץ פֿון די קהילות

דער פּוילישער דעקרעט שטעלט די וויכטיקסטע אויפֿגאַבעס פֿאַר די קהילות: (א) אָרגאַניזירן און אויסהאַלטן דעם ראַבינאַט; (ב) גרינדן און אויסהאַלטן סינאַגאָגעס, שטיבלעך, מיקוואות און בית־עלמינס; (ג) האָבן די אויפֿזיכט איבער דער רעליגיעזער דערציִונג פֿון דער יוגנט; (ד) באַמיִען זיך צוצושטעלן דער יידישער באַפֿעלקערונג כּשר פֿלייש; (ה) שאַפֿן פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס צו געבן הילף אָרעמע יידן; (ו) פֿאַרוואַלטן מיטן קהילה־פֿאַרמעגן.

אָרגאַניזאַציע

אין יעדער יישובֿ שאַפֿן די יידישע איינוווינערס אַ קהילה, אויב זיי זיינען גענוג אין צאָל אויסצוהאַלטן אינסטיטוציעס און קהילה־פֿונקציאָנאַרן. אויב די צאָל איז אַ קליינע, קענען די יידישע איינוווינערס פֿון צוויי אָדער מער יישובֿים שאַפֿן איין קהילה. אַחוץ דעם קאָן די הויפּט־אויפֿזיכטסמאַכט פֿאַראייניקן עטלעכע קהילות אין איינער.

לויטן געזעץ איז אַ „גרויסע" קהילה אַזעלכע, ווו די יידישע באַפֿעלקערונג איז העכער פֿון פֿינף טויזנט נפֿשות, און אַ „קליינע" קהילה — ווו די יידישע באַפֿעלקערונג איז ווייניקער ווי פֿינף טויזנט נפֿשות. פֿון דער גרייס פֿון דער קהילה איז אָפּהענגיק די אָרגאַניזאַציע און דער וואַלמאָדוס צו די קהילה־אָרגאַנען.

אין די אַ"ג גרויסע קהילות פֿונקציאָנירט אַ קהילה־ראַט און אַ פֿאַרוואַלטונג. די אויפֿזיכטסמאַכט באַשטימט פֿון וויפֿל מיטגלידער עס דאַרף באַשטיין דער קהילה־ראַט און פֿון וויפֿל די פֿאַרוואַלטונג, אָבער ווייניקסטנס דאַרף די קהילה־פֿאַרוואַלטונג באַשטיין פֿונעם רבֿ און נאָך אַכט געוויילטע מיטגלידער; די אויפֿזיכטסמאַכט קאָן נאָמינירן אין דער פֿאַרוואַלטונג נאָך 3 מיטגלידער, אַזעלכע וואָס האָבן אין דער געגעבענער קהילה פּאַסיוו וואַלרעכט (דאָס רעכט אויסגעקליבן צו ווערן). דער קהילה־ראַט ווערט אויסגעקליבן פֿון די מיטגלידער פֿון דער געגעבענער קהילה וואָס באַזיצן אַקטיוו וואַלרעכט. אין די אַ"ג קליינע קהילות שטייט אין דער שפּיץ פֿון דער קהילה אַ פֿאַרוואַלטונג, ווו עס גייען

אָרײַן דער רבֿ און אַכט געווײלטע מיטגלידער. די קאַדענץ פֿון בײדע קהילה־אָרגאַנען איז 4 יאָר.

די קאָמפּעטענצן פֿון דעם קהילה־ראַט זײַנען: (א) אָננעמען בודזשעטן; (ב) באַשטימען די גרייס פֿון עטאַט; (ג) נעמען הלוואות; (ד) גרינדן, אײַנאָרדענען אָדער רעפֿאָרמירן קהילה־אַנשטאַלטן; (ה) ענדערונגען אין דער סובסטאַנץ פֿון אומבאַוועגלעכן אײגנס פֿון דער קהילה; (ו) וואַלן פֿון אַ רבֿ אָדער פֿון זײַן פֿאַר־טרעטער; (ז) אַלע ענינים, וואָס ווערן דעם ראַט איבערגעגעבן פֿון דער פֿאַר־וואַלטונג אָדער פֿון דער אויפֿזיכטסמאַכט.

דאָס געזעץ האָט נאָך פֿאָרויסגעזען אַ „רעליגיעזן ראַט“, וואָס האָט געדאַרפֿט רעפּרעזענטירן די קהילה לגבי די רעגירונגס־אָרגאַנען. דער רעליגיעזער ראַט האָט געקאָנט שאַפֿן בשותּפֿותדיקע אײַנריכטונגען פֿאַר אַלע קהילות אויפֿן שטח פֿונעם גאַנצן לאַנד, אָדער נאָר פֿאַר געוויסע געגנטן. דער רעליגיעזער ראַט האָט געדאַרפֿט באַשטיין פֿון 34 וועלטלעכע מיטגלידער פֿון די ייִדישע רעלי־גיעזע פֿאַרבאַנדן. אַחוץ די געווײלטע מיטגלידער פֿון רעליגיעזן ראַט האָט זיך דאָס מיניסטעריום פֿאַר אמונות און עפֿנטלעכער בילדונג רעזערווירט דאָס רעכט צו נאָמינירן 8 וועלטלעכע מיטגלידער און 4 גײַסטלעכע (רבנים).

די מיטגלידער פֿון רעליגיעזן ראַט האָבן געדאַרפֿט אויסגעקליבן ווערן דורך ספּעציעלע וואַלמענער וואָס ווערן אויסגעווײלט דורך די קהילה־פֿאַר־וואַלטונגען פֿון די אַ״ג קלײנע קהילות, און דורך די קהילה־ראַטן פֿון די אַ״ג גרויסע קהילות. די מיטגלידער פֿון די פֿאַרוואַלטונגען פֿון יעדן אַדמיניסטראַטיוון קרײַז (פּאָוויאַט) האָבן זיך געדאַרפֿט צונויפֿקומען כּדי אויסצוווײלן די וואַלמענער. די קאַדענץ פֿון רעליגיעזן ראַט איז באַשטימט געוואָרן אויף 5 יאָר. אָבער אַזאַ ראַט איז קײן מאָל נישט אָרגאַניזירט געוואָרן. אַזאַ אינסטיטוציע ווי אַ רעפּרעזענטאַנץ פֿון דער ייִדישער רעליגיעזער מינדערהײט וואָלט געהאַט אַ געוויסן שײַן פֿון זעלבשטענדיקײט, און דאָס האָט, פֿאַרשטײט זיך, דאָס אָפֿיציעלע פּוילן נישט געוואָלט.

וואַלסיסטעם

די וואַלסיסטעם וואָס מען האָט דעקרעטירט פֿאַר די ייִדישע קהילות, געהער בלי־ספֿק צו די פֿאַרעלטערטסטע און דער עיקר צו די רעאַקציאָנערסטע. דאָס געזעץ האָט וואָס אַן אמת אָפּגעשאַפֿט די פֿריִערדיקע קוריע־סיסטעם,[5] וואָס די אָקופּאַנטן האָבן אײַנגעפֿירט, און באַשטימט, אַז אַקטיוו וואַלרעכט האָבן

[5] להיפּוך צו דער סיסטעם פֿון אַלגעמײנע און דירעקטע וואַלן איז אין דער קוריע־סיסטעם די באַפֿעלקערונג אײַנגעטײלט געוואָרן אין באַזונדערע גרופּעס, אַ״ג קוריעס, לויט זײערע פֿאַרמעגנס, לויט דער גרייס פֿון מלוכה־שטײַער וואָס אײנער צאָלט, לויטן גראַד בילדונג, סאָציאַלן מצבֿ, נאַציאָנאַליטעט (למשל רוסן אין געוו׳ קאָנגרעס־פּוילן האָבן געהערט צו אַ באַזונדער קוריע) אד״גל. די באַזונדערע קוריעס האָבן אויסגעקליבן עלעקטאָרן און די לעצטע האָבן ערשט אויסגעווײלט די פֿאַרשטײערס צו דער שײכדיקער רעפּרעזענטאַנץ. די צאָל עלעקטאָרן פֿון יעדער קוריע איז נישט געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל ווײלערס. די וואָס האָבן געצאָלט אַ העכערן מלוכה־שטײַער האָבן אויסגעווײלט פּראָפּאָרציאָנעל מער עלעקטאָרן ווי, למשל, פֿאַבריקאַרבעטערס אד״גל.

אַלע, אומאָפּהענגיק צי זיי האָבן געצאָלט עטאַט צי נישט. עס איז אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט אײַנגעהאַלטן געוואָרן, אַז אַקטיוו וואַלרעכט האָבן נאָר אַזעלכע וואָס זײַנען אַלט לכל־הפּחות 25 יאָר, און פּאַסיוו וואַלרעכט האָבן נאָר אַזעלכע וואָס זײַנען אַלט לכל־הפּחות 30 יאָר. אַחוץ דעם איז צוגעקומען נאָך אַ פֿאַרערגערונג פֿון וואַלמאַדוס: מען האָט צוגענומען בײַ פֿרויען דאָס וואַלרעכט.

די וואַל־אָרדינאַציע צו די ייִדישע קהילות איז ווײַט אָפּגעשטאַנען פֿון דער אַלגעמיינער וואַל־אָרדינאַציע אין נײַ אויפֿגעשטאַנענעם פּוילן. כּמעט אין דער זעלבער צײַט זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן די וואַל־אָרדינאַציעס צום גענעץ־געבעריישן סיים און צו די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען (שטאָט־ און גמינע־ראַטן), אָבער אַפֿילו דער פֿאַדערעווסקי־רעגירונג איז נישט אײַנגעפֿאַלן צוצונעמען בײַ פֿרויען דאָס וואַלרעכט און אײַנשטעלן אַזאַ הויכן עלטער ווי בײַ די קהילות. (לויט דעם אַלגעמיינעם וואַלגעזעץ האָבן אַקטיוו וואַלרעכט געהאַט אַלע, אויך פֿרויען, וואָס זײַנען אַלט געווען לכל־הפּחות 21 יאָר און פּאַסיוו וואַלרעכט — צו 25 יאָר.) דאָס וואָס עס איז גילטיק געווען פֿאַר אַלעמען איז אָבער נישט אַנגעווענדט געוואָרן לגבי דער ייִדישער מינדערהייט. אין דעם פֿאַל איז די פֿאַדערעווסקי־רעגירונג אַנטקעגנגעקומען די ייִדישע רעליגיעזע שיכטן, וואָס האָבן נישט דערלאָזט, אַז פֿרויען און דער ייִנגערער עלעמענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז בדרך־כּלל געווען ווייניקער רעליגיעז געשטימט, זאָל קענען דעצידירן וועגן גורל פֿון די רעליגיעזע קהילות.

לויטן געזעץ האָט יעדער ייִד וואָס איז געווען 25 יאָר אַלט און האָט געוווינט אין דער זעלביקער שטאָט אַ יאָר צײַט אַן איבעררײַס, געהאַט וואַלרעכט צו דער קהילה. דאָס געזעץ זעט אויך פֿאָר, אַז די וואַלן זײַנען אַלגעמיינע, גלײַכע, געהיימע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע.

דער רבֿ און זײַן פֿאַרטרעטער האָבן אַקטיוו וואַלרעכט אין זייער קהילה, אַפֿילו ווען זיי וווינען נאָך נישט אין דער קהילה קיין יאָר צײַט.

ס'איז כּדאַי אונטערצושטרײַכן, אַז דעם 24סטן אָקטאָבער 1930 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע פֿאַראָרדענונג פֿון מיניסטעריום פֿאַר אמונות און עפֿנטלעכער בילדונג וועגן וואַל־רעגולאַמין פֿאַר די קהילה־אָרגאַנען אויפֿן שטח פֿון גאַנצן לאַנד (אַחוץ שלעזישער וואָיעוואָדשאַפֿט). די פֿאַראָרדענונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דעם 7טן יולי 1936.[6] דער דאָזיקער רעגולאַמין איז באַרימט געוואָרן צוליב זײַן פּאַראַגראַף 20, וואָס האָט געגעבן דאָס רעכט דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה בײַם צונויפֿשטעלן די ווילער־רשימה אויסצושטרײַכן אַזעלכע פּערזאָנען וואָס האַנדלען עפֿנטלעך קעגן ייִדישן דת. דאָס האָט פּאַקטיש געגעבן אַ מעגלעכקייט צוצונעמען דאָס וואַלרעכט בײַ יענע עלעמענטן, וואָס זײַנען געווען ווי אַ דאָרן אין אויג דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע. דער פּאַראַגראַף האָט אַרויסגערופֿן אַ כוואַליע פּראָטעסטן מצד דעם נישט־רעליגיעזן סעקטאָר און דער עיקר בײַ די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערס.

כּדי צו האָבן פּאַסיוו וואַלרעכט האָט מען לויטן געזעץ געמוזט זײַן: (א) 30 יאָר אַלט; (ב) אַ פּוילישער בירגער; (ג) אַ בירגער אָן אַ פּגימה.

[6] *Dziennik Ustaw*, no. 57, poz. 418.

ווי געזאָגט האָט דאָס געזעץ געגעבן דער אויפֿזיכטסמאַכט דאָס רעכט צו נאָמינירן 3 מיטגלידער אין דער פֿאַרוואַלטונג. דער ציל פֿון דער באַשטימונג איז געווען אַ גאַנץ קלאָרער: צו באַקומען דורך די נאָמינירטע פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אַ געהעריקע ווירקונג אויף דער פֿירונג פֿון דער קהילה.

פֿינאַנציעלע ווירטשאַפֿט פֿון די קהילות

כּדי צו דעקן די הוצאות פֿון די קהילה־אינסטיטוציעס האָט דער דעקרעט געגעבן דער קהילה דאָס רעכט צו באַשטײַערן אַלע פֿוליעריקע ייִדן, מיטגלידער פֿון דער שייכדיקער קהילה, וואָס וווינען אין איר לענגער ווי דרײַ חדשים, און די וואָס זײַנען געווען אייגנטימערס פֿון אומבאַוועגלעכע גיטער. די הייך פֿונעם עטאַט באַשטימט די קהילה־פֿאַרוואַלטונג דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט באַשטיין פֿון אַ ל ע קלאַסן, פּראָפֿעסיעס און פֿאַכן. די רשימה פֿון די עטאַט־צאָלערס האָט געמוזט איבערגעשיקט ווערן צו דער צענטראַלער אויפֿזיכטסמאַכט, ד״ה צום מיניסטער פֿאַר אמונות און בילדונג. נאָכן באַקומען די הסכּמה פֿון דער אויפֿזיכטסמאַכט האָט די פֿאַרוואַלטונג אויפֿגעפֿאָדערט יעדן מיטגליד פֿון דער קהילה אַרײַנצוטראָגן דעם עטאַט. יעדער עטאַט־צאָלער האָט געהאָט דאָס רעכט אויף רעקלאַמאַציע אין משך פֿון אַ חודש. די רעקלאַמאַציע איז געוואָרן באַטראַכט דורך דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה צוזאַמען מיט דער שטײַער־קאָמיסיע.

אויפֿזיכטסמאַכט איבער די קהילות און זייערע רעכט

די צענטראַלע אויפֿזיכטסמאַכט איבער די ייִדישע קהילות איז געווען דאָס מיניסטעריום פֿאַר אמונות און בילדונג. איבער די קלענערע קהילות האָבן געהאַט די אויפֿזיכט די סטאַראָסטעס, איבער די גרעסערע — די וואָיעוואָדעס, און איבער דער וואַרשעווער קהילה — דער וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַר.

די רעכט פֿון דער אויפֿזיכטסמאַכט זײַנען געווען גאַנץ ברייטע, אַזוי אַז פּראַקטיש איז אַפֿילו די באַגרענעצטע רעליגיעזע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע. פֿון די קלענערע קהילות איז דאָך אָפּגערעדט. דאָ האָט זיך דער סטאַראָסטע פּראַקטיש געהאַלטן ווי דער בעל־הבית פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און ער האָט געפּרוווט איר אָנוואַרפֿן זײַנע באַשלוסן. אין די גרעסערע ערטער, וווּ ס׳איז געקומען צום אויסדרוק דער קאָלעקטיווער ווילן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און דער עיקר פֿון די פֿאַרשטייערס פֿון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט, איז פֿאָרגעקומען אַ העפֿטיקער קאַמף מיט דער אויפֿזיכטסמאַכט פֿאַרן כאַראַקטער פֿון דער קהילה און פֿאַר איר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל פֿון אַרײַנמישן זיך אינעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון די ייִדישע קהילות קאָן דינען די פֿאַראָרדענונג פֿון בילדונגס־מיניסטער (יולי 1924) צו דער ייִדישער קהילה אין וואַרשע, אַז די זיצונגען פֿון די אויסגעוויילטע פּרנסים קאָנען אָפּגעהאַלטן ווערן נאָר אין דער פּוילישער

שפּראַך און בײַ פֿאַרמאַכטע טירן. ווען די פֿאַראָרדענונג האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלדיקן שטורעם צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט דער בילדונגס־מיניסטער זײַן פֿאַראָרדענונג מאָדיפֿיצירט אַזוי, אַז די פּרנסים האָבן געמעגט רעדן ייִדיש, אָבער דער פֿאָרזיצער האָט געמוזט רעדן פּויליש.

פּונקט אַזוי ווי די רעגירונגען פֿון סאַנאַציע־רעזשים (נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש) האָבן אָפּגעטייט יעדער פּרײַע איניציאַטיוו פֿון ליבעראַלערן טייל פֿון פּוילישן פֿאָלק אין דעם אַלגעמיין פּאָליטישן לעבן, אַזוי האָט מען אויך אויפֿן ייִדישן אָפּשניט דערשטיקט יעדע זעלבשטענדיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאָ אָדער דאָרט דורכגעריסן אין די באַשלוסן פֿון די קהילות. דאָס מבֿטל מאַכן קהילה־באַשלוסן דורך דער אויפֿזיכטסמאַכט איז געוואָרן אַן אָפּטע דערשײַנונג אינעם לעבן פֿון די ייִדישע קהילות.

לויטן געזעץ האָט יעדער מיטגליד פֿון דער קהילה געקאָנט דערלאַנגען אַן אָנקלאָג צו דער אָרטיקער אויפֿזיכטסמאַכט קעגן די אַדורכגעפֿירטע קהילה־וואַלן אין משך פֿון 14 טעג נאָך די וואַלן. אויף אַזאַ אופֿן האָט די אויפֿזיכטסמאַכט געהאַט די יורידישע און פֿאַקטישע מעגלעכקייט צו פּסלען די וואַלן אויב זייער אויסגאַנג איז איר נישט געווען צום האַרצן. אויסגעפֿינען אַן „אייגענעם" ייִדן, וואָס זאָל אַרויסטרעטן מיט טענות איז דעמאָלט געווען נישט שווער, און מען דאַרף צוגעבן, אַז אין דער פּראַקטיק האָט די אויפֿזיכטסמאַכט ברייט אויסגענוצט דעם דאָזיקן פּונקט. אויך דער צוזאַמענשטעל פֿון די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען פֿון די ייִדישע קהילות איז מאָדיפֿיצירט געוואָרן פֿון דער אויפֿזיכטסמאַכט דורך נאָמינירן אַ געוויסע צאָל מיטגלידער אין דער פֿאַרוואַלטונג און אין קהילה־ראַט וואָס האָבן נישט געהאַט דעם צוטרוי פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דורך די דאָזיקע נאָמינאַציעס פּלעגט די אויפֿזיכטסמאַכט פֿאַרזיכערן פֿאַר זיך אַ געהעריקע השפּעה אין די קהילה־אָרגאַנען און במילא אויך אַ השפּעה אויף דער אַרבעט פֿון די קהילות. פֿאַרשטייט זיך, אַז די וואָס האָבן געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זייערע מאַנדאַטן דער אויפֿזיכטסמאַכט האָבן געהאָרכזאַם אויסגעפֿירט אירע פּאָליטישע אָנווײַזונגען. אַחוץ דעם האָט דאָס געזעץ פֿאַרזיכערט דער אויפֿזיכטסמאַכט אַ געהעריקע השפּעה אויף די אַרבעטן פֿון די קהילות דורך דעם וואָס דער פֿאָרזיצער, הן פֿון דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג, הן פֿון קהילה־ראַט, האָט געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורך דער אויפֿזיכטסמאַכט, און זי האָט באַשטעטיקט נאָר די קאַנדידאַטן, וואָס זײַנען נישט געווען פֿײַנדלעך צום הערשנדיקן רעגירונגס־רעזשים. אַזוי, למשל, זײַנען אין די לעצטע יאָרן געווען אַ סך פֿאַלן, ווען די אויפֿזיכטסמאַכט האָט נישט געוואָלט באַשטעטיקן פֿאַר פֿאָרזיצערס פֿון קהילות קיין בונדיסטן (וואַרשע, פּיעטריקאָוו). דאָס געזעץ זעט פֿאָר, אַז אויב דער געגעבענער קהילה־אָרגאַן עקשנט זיך אײַן און קלײַבט אויס צום דריטן מאָל אַ קאַנדידאַט וואָס די אויפֿזיכטסמאַכט האָט נישט באַשטעטיקט, דעמאָלט נאָמינירט די אויפֿזיכטסמאַכט אַליין אַ פֿאָרזיצער. אין אַ צאָל שטעט (וואַרשע, לאָדזש א"אַ) האָט די אויפֿזיכטסמאַכט בכלל פֿונאַנדערגעלאָזט די געוויילטע קהילות און אַרײַנגעזעצט קאָמיסאַרן.

דער אַלגעמיינער סך־הכּל: די קהילה איז באַטראַכט געוואָרן דורך אירע

שאַפֿערס ווי אַ דורכויס רעליגיעזע קערפּערשאַפֿט, וואָס טאָר נישט האָבן קיין סימן פֿון דעמאָקראַטישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ייִדישער מינדערהייט. אָבער קעגן זייער ווילן האָבן אין די אַרבעטן פֿון די ייִדישע קהילות אין פּוילן — דער עיקר אין די גרעסערע צענטערס — אָפֿט מאָל זיך געלאָזט הערן אַנדערע טענער, פּאָליטישע טענער פֿון פּראָטעסט קעגן אומגעזעצלעכקייט, קעגן אונטערדריקונג און קעגן דער אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי ייִדן אויף פֿאַרשיידענע געביטן.

נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט פֿאַר דער ייִדישער מינדערהייט

די פּוילישע רעפּובליק האָט פֿון סאַמע באַגינען פֿון איר זעלבשטענדיקייט נישט בלויז נישט אָנערקענט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט פֿון דער ייִדישער מינדערהייט, נאָר אַפֿילו אײַנגעהאַלטן אין געוויסע טיילן פֿון לאַנד די פֿרײַערדיקע שפּראַך־באַגרענעצונגען פֿון די אָקופּאַנטן.

דער פֿאַקטישער צושטאַנד איז געווען אַזאַ, אַז ייִדן האָבן גענאָסן פֿון געוויסע נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט, אָבער זיי זײַנען געווען אָנגעוויזן אויף דער בײזוויליקייט פֿון די מאַכטאָרגאַנען, וואָס האָבן אין אַ סך פֿאַלן גערודפֿט די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס.

ווען עס האָבן זיך געפֿירט די ווערסאַלער שלום־אונטערהאַנדלונגען און ס׳איז דעבאַטירט געוואָרן די פּראָבלעם פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט דער פּוילישער סיים אָנגענומען די שוין פֿרײַער דערמאָנטע רעזאָלוציע, וואָס פֿיקסירט די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אויף „די טעריטאָריעס מיט געמישטע פֿעלקער״.

ווען איינער פֿון די ייִדישע דעפּוטאַטן האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג, אַז דער פּונקט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע זאָל זיך באַציִען אויפֿן גאַנצן לאַנד, איז דער פֿאָרשלאָג אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז די כּוונה פֿון דעם פֿאָרשלאָג איז געווען, אַז די ייִדישע מינדערהייט וואָס איז געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, זאָל אויך קענען גענִיסן פֿון דער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג. די רעאַקציאָנערע מערהייט פֿון פּוילישן סיים האָט אָבער געוואָלט בפֿירוש די ייִדן אויסשליסן.

די ערשטע יורידישע באַזע פֿאַר אירע נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט האָט די ייִדישע מינדערהייט באַקומען אין דעם שוין אויבן דערמאָנטן אינטערנאַציאָנאַלן טראַקטאַט וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די אַרטיקלען 7—10 פֿונעם טראַקטאַט באַהאַנדלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אינעם אַרטיקל 7 ווערט צו ערשט פֿעסטגעשטעלט, אַז ס׳וועט נישט זײַן קיין שום שפּראַך־באַגרענעצונגען אין דער פּרעסע, אין פּריוואַטן און עפֿנטלעכן לעבן און אויף פֿאַרזאַמלונגען. ווײַטער ווערן פֿאָרמולירט די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מיט אַ הבֿטחה אײַנצופֿירן פֿאַרלײַכטערונגען בײַם באַנוצן זייער שפּראַך אין די געריכטן, אין וואָרט און שריפֿט.

אַרטיקל 8 גאַראַנטירט דאָס רעכט צו שאַפֿן שולן אין דער מוטערשפּראַך,

אָבער נאָר מיט אייגענע מיטלען. די מחברים זײַנען, הייסט עס, אויסן געווען אַ פּריוואַט שולוועזן אין דער מוטערשפּראַך.

אַרטיקל 9 גאַראַנטירט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס זײַנען קאָנצענטרירט אויף אַ געוויסן שטח אין גרויסע צאָלן, די רעכט אויף מלוכישע אָנפאַנגשולן אין זייער מוטערשפּראַך. אָבער אַרטיקל 10 מאַכט אַן אויסנאַם פאַר ייִדן: זייערע שולן דאַרפן נישט אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה, נאָר פון אַ געוויסן טייל פון דעם עטאַט וואָס די ייִדישע קהילות דאַרפן שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון זייערע שול־קאָמיסיעס.

די ייִדישע באַפעלקערונג איז אויף אַזאַ אופן באַעוולט געוואָרן: זי איז אין גרעסטן טייל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די אַלגעמיינע פאָנדן, כאָטש שטײַערן האָט די ייִדישע באַפעלקערונג געצאָלט גלײַך מיט אַלעמען און אָפט מאָל נאָך מער ווי די פּוילישע באַפעלקערונג. דערצו נאָך איז די חלוקה פון די ייִדישע פאָנדן איבערגעגעבן געוואָרן די קהילות, וואָס האָבן פאַוואָריזירט חדרים, ישיבות אד״גל.

פּוילן האָט זיך מתחייב געווען אינעם טראַקטאַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צו אָנערקענען אַלע באַשטימונגען פון טראַקטאַט ווי פונדאַמענטאַלע רעכט און אַז קיין שום געזעץ אָדער פאַראָרדענונג קאָן נישט זײַן אין סתירה צום טראַקטאַט. די דערמאָנטע פּונקטן פונעם טראַקטאַט זײַנען שפּעטער אַרײַן אין דער פּוילישער מאַרץ־קאָנסטיטוציע (אַרטיקלען 109—110).

לויטן אַרט׳ 109 פון דער קאָנסטיטוציע האָט יעדער בירגער דאָס רעכט אײַנצוהאַלטן זײַן נאַציאָנאַליטעט, אָפּהיטן זײַן שפּראַך און זײַנע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. ווײַטער האָט דער זעלביקער אַרטיקל פאַרויסגעזען, אַז עס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן באַזונדערע געזעצן, וואָס וועלן פאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער פּוילישער מלוכה אַ פולע און פרײַע אַנטוויקלונג פון זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן דורך אויטאָנאָמע פאַרבאַנדן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן אין די ראַמען פון טעריטאָריאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די מלוכה וועט אָבער האָבן דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן די פאַרבאַנדן און וועט זיי העלפן פינאַנציעל, אויב ס׳וועט נייטיק זײַן.

אויב דער ערשטער טייל פונעם אַרטיקל 109 האָט געהאַט מער אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, האָט דער צווייטער טייל זײַנער געזאָלט האָבן אַ גאַנץ פּראַקטישע באַדײַטונג, ווײַל דאָרט איז פאָרמולירט געוואָרן די אידעע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אָבער די דאָזיקע באַשטימונג פון דער מאַרץ־קאָנסטיטוציע איז לכל־הפחות לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג געבליבן אויפן פּאַפּיר, ווײַל אין שײַכות צו דער ייִדישער מינדערהייט איז אַזאַ געזעץ קיין מאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. ווי ווײַט די איבעריקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּאָסטולאַטן פון דער קאָנסטיטוציע זײַנען רעאַליזירט געוואָרן, וועלן מיר זען ווײַטער.

דאָס אַרטיקל 110 באַשטימט צוו״אַנד, אַז די פּוילישע בירגערס וואָס געהערן צו נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און שפּראַך־מינדערהייטן, האָבן דאָס רעכט

מיט אייגענע מיטלען צו גרינדן, קאָנטראָלירן און אָנפֿירן שולן און אַנדערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן און באַנוצן אין זיי פֿריַי זייער שפּראַך.

ווי מיר זעען איז די פּוילישע קאָנסטיטוציע אויפֿן אָפּשניט פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט אַ קאָפּיע פֿון די טראַקטאַט־באַשטימונגען, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע איז נאָך צוגעגעבן געוואָרן די טעאָ־רעטישע באַשטימונג וועגן דער צוקונפֿטיקער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וואָס זיַינען קאָנצענטרירט אויף באַשטימטע טעריטאָריעס.

אויסער די קאָנסטיטוציאָנעלע באַשטימונגען זיַינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי אויספֿיר־געזעצן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער שפּראַך און קולטור פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָ קומען אין באַטראַכט: (א) דאָס געזעץ פֿון 31סטן יולי 1924 וועגן דער אָפֿיציעלער שפּראַך אין רעגירונגס־ און זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען; (ב) דאָס געזעץ וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון די אַלגע־מיינע געריכטן; (ג) דאָס שולגעזעץ. אָבער פּונקט ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן אַזוי זיַינען אויך אויף דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן אָפּשניט אָנגעווענדט געוואָרן צוויי באַזונדערע מאָסן, איינע פֿאַר די טעריטאָריאַלע מינדערהייטן, ווי וויַיסרוסן, אוקראַיִנער, ליטווינער און אַ צווייטע מאָס פֿאַר דער ייִדישער מינדערהייט. לגבי די נישט־ייִדישע מינדערהייטן זעט דאָס שפּראַכן־געזעץ פֿאָר, אַז אין די מיזרחדיקע און דרום־מיזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפֿטן קאָן מען חוץ פּויליש באַנוצן אין די אָפֿיציעלע אַמטן די וויַיטערדיקע דריַי שפּראַכן: אוקראַיִ־ניש, וויַיסרוסיש און ליטוויש, און דאָס נאָר אין אַ באַגרענעצטער פֿאָרעם. לגבי ייִדן ווערן אַזעלכע הנחות נישט געמאַכט.

ווי מיר זעען זיַינען ייִדן אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון געניסן די רעכט, וואָס זיַינען פֿאַרזיכערט געוואָרן דורכן אינטערנאַציאָנאַלן טראַקטאַט פֿאַר אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צו באַנוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך אין די אָפֿיציעלע אַמטן.

דאָס זעלבע שפּראַכן־געזעץ האָט אויך פֿעסטגעשטעלט אין וועלכע פֿאַלן קאָן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט פֿאָדערן אַן עפֿנטלעכע רעגירונגס־שול אין דער מוטערשפּראַך, אָבער דאָס האָט ווידער נאָר געהאַט אַ שײַכות צו אוקראַיִנער, וויַיסרוסן און ליטווינער. עלטערן פֿון אַ גרופּע פֿון 40 קינדער אין אַ געגעבענעם שולקריַיז, אין אַ געמיינדע ווו עס זיַינען פֿאַראַן 25% וויַיסרוסן, אוקראַיִנער אָדער ליטווינער, האָבן דאָס רעכט צו פֿאָדערן אַ רעגירונגס־שול אין דער מוטערשפּראַך. דאָס וואָס איז געווען גילטיק פֿאַר אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, איז אָבער נישט געווען חל אויף דער איבער דריַימיליאָניקער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

ווי אַזוי די פֿאַרשיידענע מאַכטאָרגאַנען האָבן זיך באַצויגן צו דער ייִדישער שפּראַך קאָן מען זען פֿון דעם וואָס דער מיניסטער פֿאַר אינעווייניקסטע ענינים האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אַרויסצושיקן אַ צירקולאַר צו זיַינע אונטערגע־אָרדנטע אַמטן (דאַטירט דעם 12טן יאַנואַר 1927), אַז עס טאָר נישט באַגרענעצט ווערן דאָס רעכט פֿון דער ייִדישער שפּראַך אויף עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען.

עס איז אויך גוט באַקאַנט די פּאָליטיק פֿון די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגי־רונגען לגבי דעם פּריוואַטן ייִדיש־וועלטלעכן שולוועזן, נאָר דאָס איז אַן ענין פֿאַר זיך.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן עקסיסטירט אַ ריי באַגרענעצונגען פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך, ווי למשל: די פֿאַראָרדענונג פֿון אינדוסטריע־ און האַנדלס־מיניסטער פֿון 18טן יאַנואַר 1926, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט צו באַנוצן זיך מיט דער ייִדישער שפּראַך אין טעלעגראַמען.

די דאָזיקע באַגרענעצונגען האָבן זיך פֿאַרשאַרפֿט ווען פּוילן, אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿונעם טרויעריק באַרימטן מיניסטער פֿאַר אויסווייניקסטע ענינים בעק, איז געוואָרן אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש אַלץ נעענטער צו היטלער־דײַטשלאַנד. איינע פֿון די דערגרייכונגען אין דער שטרעבונג צוצופּאַסן זיך צו נאַצי־דײַטשלאַנד איז געווען דאָס אָפֿיציעלע אַנולירן דעם טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן.

דער צושטאַנד פֿון פֿאָרמעלער גלײַך־באַרעכטיקונג געפּאָרט מיט אַדמי־ניסטראַטיווע שיקאַנעס און רעכטלאָזיקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אַפֿילו נאָך דעם ווי די מלחמה מיט היטלער־דײַטשלאַנד איז אויסגעבראָכן האָט די פּוילישע רעגירונג נאָך אַלץ געמאַכט נײַע באַגרע־נעצונגען פֿאַר ייִדן. ווי אַ בײַשפּיל קאָן דינען די פֿאַראָרדענונג, אַז מען טאָר נישט ריידן קיין ייִדיש אויפֿן טעלעפֿאָן. די אָפֿיציעלע רעגירונגס־קרײַזן האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן בײַ דער אַנטיסעמיטישער טעזע, אַז ייִדן זײַנען פֿײַנדלעך צו דער פּוילישער מלוכה, און קודם־כּל געשטעלט מחוצן געזעץ די שפּראַך פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

בירגערלעכע רעכט

די בירגערשאַפֿט־פּראָבלעם אין פּוילן

הגם די יוריספּרודענץ פֿאַררעכנט דאָס רעכט פֿונעם יחיד צו זײַן אַ בירגער צום עפֿנטלעכן רעכט, האַלטן מיר אָבער פֿאַר נייטיק צו באַלײַכטן די פּראָבלעם פֿון בירגערשאַפֿט פֿאַר ייִדן אין פּוילן איידער מיר פֿאַרנעמען זיך מיט זייערע בירגערלעכע רעכט, ווײַל כּדי צו האָבן אַזעלכע רעכט האָט מען דאָך קודם־כּל געדאַרפֿט זײַן אַ פּוילישער בירגער.

אינעם טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן איז די בירגערשאַפֿט־פֿראַגע גענוי רעגולירט געוואָרן. לויטן אַרטיקל 3 זײַנען אָנער־קענט געוואָרן פֿאַר פּוילישע בירגערס אַלע פֿריִערדיקע דײַטשע, רוסישע, עסטרײַכישע און אונגאַרישע בירגערס, וואָס האָבן אין מאָמענט ווען דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז אַרײַן אין קראַפֿט, געהאַט זייער שטענדיק וווינאָרט אויף איינער פֿון די טעריטאָריעס, וואָס זײַנען אָנערקענט ווי פּויליש אויפֿן סמך פֿון ווערסאַלער טראַקטאַט. דערבײַ איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פּערזאָ־נען עלטער פֿון 18 יאָר האָבן געהאַט דאָס „אָפּציע״־רעכט, ד״ה דאָס רעכט צו דעקלאַרירן, אַז זיי ווילן אײַנהאַלטן די בירגערשאַפֿט פֿון זייער נאַציאָנאַלער מלוכה, אַנשטאָט פֿון דער מלוכה צו וועלכער זיי וואָלטן געדאַרפֿט געהערן לויטן

טראַקטאַט. למשל, ווען אַ דײַטשער בירגער האָט געהאַט זײַן שטענדיק וווינאָרט אין פּוילן בעת דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז אַרײַן אין קראַפֿט, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו דערקלערן, אַז ער וויל פֿאַרבלײַבן אַ דײַטשער בירגער. ווײַטער אָנערקענט דער טראַקטאַט (אַרטיקל 4) פֿאַר פּוילישע בירגערס פּערזאָנען פֿון דײַטשער, רוסישער, אונגאַרישער און עסטרײַכישער מלוכה־צוגעהעריקייט, וואָס זײַנען געבוירן אויף איינער פֿון די טעריטאָריעס וואָס זײַנען אָנערקענט געוואָרן ווי פּוילישע, און זייערע עלטערן האָבן שטענדיק געוווינט אויף די געביטן, כאָטש אין מאָמענט ווען דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז אַרײַן אין קראַפֿט האָבן זיי דאָרט נישט געוווינט.

אַרטיקל 6 שטעלט פֿעסט דעם פּרינציפּ, אַז פּוילישע מלוכה־צוגעהעריקייט באַקומט מען דורכן בלויזן פֿאַקט פֿון געבוירן ווערן אויפֿן שטח פֿון דער פּוילישער טעריטאָריע.

די באַשטימונגען פֿונעם טראַקטאַט אין דער בירגערשאַפֿט־פֿראַגע וואָלטן געווען גאַנץ גוט ווען די מחברים זײַנע וואָלטן קלאָר דעפֿינירט דעם באַגריף „שטענדיקער וווינאָרט״. דער דאָזיקער באַגריף האָט געקאָנט האָבן צוויי טײַטשן: דאָס אָרט ווו די פּערזאָן האָט פֿאַקטיש געוווינט, אָדער דאָס אָרט וואָס די געגעבענע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האַלט פֿאַר דעם פּערזאָנס וווינאָרט. למשל, לויטן געוו׳ רוסישן אַדמיניסטראַטיוון געזעץ איז דאָס שטענדיקע וווינאָרט פֿון אַ מענטשן דאָרטן, ווו ער איז פֿאַרשריבן אין די אַ״ג שטאַנדביכער, ביכער פֿון די שטענדיקע אײַנוווינערס פֿון דער געגעבענער געמיינדע. מען האָט דעריבער געקענט זײַן פֿאָרמעל צוגעשריבן צו איין געמיינדע און פֿאַקטיש וווינען ערגעץ אַנדערש.

היות דער טראַקטאַט האָט נישט געגעבן די דעפֿיניציע פֿון באַגריף „שטענ־דיקער וווינאָרט״, כאָטש ס׳איז געווען קלאָר פֿאַר אַלעמען, אַז די מחברים האָבן אין זינען געהאַט דאָס פֿאַקטישע וווינאָרט פֿון בירגער אין מאָמענט ווען דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז אַרײַן אין קראַפֿט, האָט מען אָבער אָנגע־הויבן אַזוי אויסצוטײַטשן דעם דאָזיקן באַגריף, אַז מען האָט צו נישט געמאַכט די באַשטימונגען פֿון טראַקטאַט.

ווען אין 1920 איז אַרויס דאָס געזעץ וועגן בירגערשאַפֿט האָט מען שוין געמוזט די זאַך גאַנץ גענוי פֿעסטשטעלן. די מערהייט פֿון פּוילישן סיים האָט געגעבן אַזאַ אינטערפּרעטאַציע, וואָס האָט אָפּהענגיק געמאַכט דאָס באַקומען רעכט אויף בירגערשאַפֿט — אין די געוועזענע רוסישע געביטן — פֿון דעם צי דער קאַנדידאַט איז געווען פֿאַרשריבן אין איינער פֿון די שטאָטישע אָדער דאָרפֿישע געמיינדעס וואָס זײַנען איצט געוואָרן פּויליש.

בכדי גענוי צו פֿאַרשטיין דעם ענין „שטאַנדביכער״ דאַרף מען וויסן, אַז קוים איז ווער צוגעשריבן געוואָרן צו אַזאַ געמיינדע אין געוו׳ רוסלאַנד, האָט ער זיך זעלטן פֿון דאָרט אויסגעשריבן, אַפֿילו ווען ער האָט אויפֿגעהערט דאָרט צו וווינען. אין יענע צײַטן איז פֿאַר אַן אײַנוווינער פֿון רוסלאַנד געווען גוואַלדיק שווער צוצושרײַבן זיך צו אַ געמיינדע פֿון קאָנגרעס־פּוילן. קודם־כּל האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש זיך אויסצושרײַבן פֿון דער געמיינדע צו וועלכער

מען געהערט. אָבער ערשטנס, האָט אַזאַ געמיינדע, כּדי נישט צו פֿאַרלירן די שטײַערן, זעלטן געגעבן אַזאַ דערלויבעניש; צווייטנס, האָט מען אויך געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פֿון אינערן־מיניסטער אײַנצושרײַבן זיך אין אַ געמיינדע פֿון קאָנגרעס־פּוילן. צוליב די טעמים האָט זיך געשאַפֿן אַ צושטאַנד, אַז טייל בירגערס האָבן געהאַט צוויי וווינערטער: אַ פֿאָרמעלן, דאָרט ווו זיי זײַנען געווען צוגעשריבן, און אַ פֿאַקטישן, דאָרט ווו זיי האָבן שטענדיק געוווינט. אַחוץ דעם זײַנען נישט אַלע בירגערס געווען אַרײַנגעטראָגן אין די אַ״ג שטאַנדביכער.[7] ועל כּולם איז צוגעקומען נאָך אַ צרה: די ביכער פֿון אַ גרויסער צאָל געמיינדעס זײַנען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַרלוירן געגאַנגען אָדער פֿאַרברענט געוואָרן.

דאָס מאַכן בירגערשאַפֿט אָפּהענגיק פֿון דעם צי מען פֿיגורירט אין די שטאַנדביכער איז געווען אַ גרויסע עוולה קעגן טויזנטער מענטשן, דער עיקר קעגן ייִדן און טיילווײַז אויך קעגן אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. פּאָליאַקן וואָס האָבן נישט געקאָנט באַווײַזן די געהעריקע דאָקומענטן וועגן זייער צוגעהעריקייט האָבן פֿון דעסט וועגן געקאָנט ווערן בירגערס. דער אַרטיקל 3 פֿון דערמאָנטן געזעץ זעט פֿאָר, אַז בירגערס פֿון אַנדערע מלוכות, נאָר פֿון פּוילישן אָפּשטאַם, וועלן פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר פּוילישע בירגערס, אויב זיי וועלן אָפּגעבן אין אַדמיניסטראַטיוון אַמט ווו זיי וווינען אַ דערקלערונג, אַז זיי ווילן זײַן פּוילישע בירגערס און אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון דער אַנדערער בירגערשאַפֿט.

נישט געקוקט אויף דער בפֿירושער טענדענץ פֿון די מחברים פֿונעם טראַקטאַט איז דורך דעם נײַעם בירגערשאַפֿט־געזעץ פֿון 1920 מיט איין פֿעדערשטריך צוגענומען געוואָרן בײַ אַ גרויסן טייל ייִדן (אַן ערך 300,000—400,000) די מעגלעכקייט צו באַקומען בירגערשאַפֿט.

די וואָס זײַנען נישט געוואָרן קיין בירגערס זײַנען פֿאַררעכנט געוואָרן ווי „פֿרעמדע”, אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן אין פּוילן „אָבצאָקראַיאָווצעס”. צו דער קאַטעגאָריע זײַנען פֿאַררעכנט געוואָרן אַזעלכע וואָס וווינען אין פּוילן זינט 1908. וועגן די קינדער פֿון די „פֿרעמדע” זאָגט די פֿאַראָרדענונג גאָרנישט, אָבער לויטן געזעץ האָבן די קינדער פֿון „פֿרעמדע”, הגם זיי זײַנען געבוירן געוואָרן אין פּוילן, געהאַט די זעלביקע בירגערשאַפֿט וואָס זייערע עלטערן. און ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ סיטואַציע: פֿון איין זײַט האָט מען געפֿאָדערט פֿון זיי אויסצופֿירן אַלע פֿליכטן ווי בירגערס, מען האָט זיי, למשל, גערופֿן צו מיליטער־דינסט, און פֿון דער אַנדערער זײַט האָט מען זיי באַהאַנדלט ווי פֿרעמדע.

נישט איין מאָל האָט די פֿעלקער־ליגע זיך פֿאַרנומען מיט דעם וואָס פּוילן און אַנדערע לענדער פֿירן נישט אויס די באַשטימונגען פֿונעם טראַקטאַט

---

[7] עס ווערט געשאַצט אַז נאָר 50% פֿון ייִדישע געבורטן זײַנען געווען פֿאַרשריבן אין די מעטריקע־ביכער. זען:
Stefan Szulc, “Dokładności rejestracji urodzeń i zgonów,” *Statystyka Polski*, seria C, zeszyt 41, p. 150.

וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַזוי, למשל, נעמט דער עקזעקוטיוו פון דער פעלקער־ליגע אָן אַ רעזאָלוציע אין בריסל, אַז דאָס פוילישע און רומענישע געזעץ וועגן בירגערשאַפט זײַנען אין סתירה מיט די באַשטימונגען פונעם טראַקטאַט, שאַפנדיק אויף אַזאַ אופן אַ שווערע סיטואַציע פאַר אַ גרויסער צאָל אַזוי גערופענע „שטאַטלאָזע״.

ערשט אין די שפעטערדיקע יאָרן, בײַם אָנהייב פון סאַנאַציע־רעזשים (1926—1928), וואָס האָט געוואָלט באַקומען די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון דער יידישער מינדערהייט, זײַנען געמאַכט געוואָרן געוויסע פאַרלײַכטערונגען פאַר „פרעמדע״ צו באַקומען בירגערשאַפט. אין האַרבסט 1926 גיט אַרויס דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער מלאָדזשאַנאָווסקי אַ צירקולאַר צו די וואָיעוואָדעס פון די מיזרח־געביטן, אַז זיי זאָלן מאַכן געוויסע פאַרלײַכטערונגען בײַם געבן בירגערשאַפט אַזעלכע פערזאָנען וואָס האָבן שטענדיק געוווינט אין די דאָזיקע פּראָווינצן.

פונקט ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן זײַנען אויך אין דער בירגערשאַפט־געזעץ־געבונג געקומען צום אויסדרוק גאַנץ נײַע טענדענצן, ווען פוילן האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון היטלער־דײַטשלאַנד. אין לאַנד איז געוואַלדיק געשטיגן די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, די רעאַקציאָנערע רעגירונגען האָבן אָפן גערעדט וועגן עוואַקויִרן גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן; מען האָט מיט אַלע מיטלען געוואָלט פאַרקלענערן די צאָל יידן אין לאַנד. היות מען איז דערווײַל אָפּגעקומען בלויז מיטן רעדן וועגן „איבעריקן״ מיליאָן אָדער אַפילו גאָר צוויי מיליאָן יידן, וואָס מען האָט דאָך סוף־כל־סוף נישט געקאָנט אַרויספירן פון פוילן, האָט מען זיך גענומען דערווײַל פאַרקלענערן די צאָל פוילישע בירגערס פון יידישער נאַציאָנאַליטעט וואָס וווינען מחוץ די גרענעצן פון פוילן.

דעם 31סטן מאַרץ 1938 נעמט אָן דער סיים אַ געזעץ וועגן צונעמען די בירגערשאַפט בײַ געוויסע בירגערס וואָס וווינען אין אויסלאַנד. דאָס געזעץ איז אַרײַן אין קראַפט דעם 1טן אַפּריל 1938. דאָס געזעץ דערמאָנט אין גאַנצן נישט דאָס וואָרט ייד; אויסערלעך איז אַלץ אין אָרדענונג, אַ געזעץ ווי אַלע געזעצן, פאַר אַלע בירגערס, אָבער פאַקטיש איז עס געצילט קעגן יידן. לויט דעם דאָזיקן געזעץ פאַרלירן פוילישע בירגערשאַפט די ווײַטערדיקע פערזאָנען: (א) די וואָס האָבן געהאַנדלט אין אויסלאַנד קעגן די אינטערעסן פון דער פוילישער רעגירונג; (ב) די וואָס האָבן נאָך דעם ווי פוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק פאַרבראַכט אין אויסלאַנד לכל־הפּחות 5 יאָר אָן איבעררײַס; (ג) די וואָס האָבן זייער שטענדיק זיצאָרט אין אויסלאַנד און קערן זיך נישט אום קיין פוילן אויפן פאַרלאַנג פון איינעם פון די פוילישע קאָנסולאַטן. די דעציזיע וועגן פאַרלירן בירגערשאַפט גיט אַרויס דאָס מיניסטעריום פאַר אינעווייניקסטע ענינים אויפן פאַרלאַנג פון מיניסטעריום פאַר אויסווייניקסטע ענינים, דערבײַ גייט דער באַשלוס באַלד אַרײַן אין קראַפט. מען קאָן נאָר אַפּעלירן צום העכסטן אַדמיניסטראַטיוון טריבונאַל.

אויב מען קאָן האָבן אַ ספק וועגן דעם ציל פון געזעץ איז גענוג איבער־

צולייענען די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּרעסע פֿון יענעם פּעריאָד. דאָס כאַ־ראַקטעריסטישסטע און צו גלײַך ציניששטע אַרטיקל האָט זיך באַוויזן דעם 6טן אַפּריל 1938 אין דער רעגירונגס־טרײַער קראָקעווער צײַטונג טשאַס, ווו ס׳ווערט אויסגעדריקט די איבערצײַגונג, אַז די אויספּיר־אָרגאַנען דאַרפֿן אויסנוצן זייער מאַכט קעגן דער רעאימיגראַציע פֿון ייִדן.

דעם 26סטן אָקטאָבער 1938 גייט אַרויס אַן אויספּיר־פֿאַראָרדענונג פֿון אינערן־מיניסטעריום וועגן דער קאָנטראָל פֿון אויסלענדישע פּוילישע פּאַספּאָרטן. די פֿאַראָרדענונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן כּדי פֿעסטצושטעלן, ווער ס׳איז לענגער ווי 5 יאָר אין אויסלאַנד און אין איין וועגס צונעמען די בירגערשאַפֿט בײַ די וואָס זײַנען כּלומרשט נישט פֿאַרבונדן מיט פּוילן. דורך דעם געזעץ און זײַנע אויספּיר־תּקנות האָבן די פּוילישע קאָנסולאַטן צוגענומען בײַ טויזנטער ייִדן זייער בירגערשאַפֿט, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם וואָס זיי זײַנען מיט טויזנטער פֿעדעם געווען צונויפֿגעבונדן מיטן לאַנד. וועגן אַפּעלירן צום העכסטן אַדמיניסטראַטיוון טריבונאַל האָט אין דער מערהייט פֿאַלן קיין רייד נישט געקאָנט זײַן, ווײַל דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ גאַנצער ריי שווערע פֿאָרמאַליטעטן, ווי אַ שטייגער דער אָנקלאָג האָט געמוזט זײַן אונטערגעשריבן דורך אַן אַדוואָ־קאַט; מען האָט באַדאַרפֿט אײַנלייגן אַ געוויסע סומע, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אויב דער אָנקלאָגער האָט פֿאַרשפּילט אאַז״וו. ס׳דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז סוף 1941 האָט די פּוילישע גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן אָפּגעשאַפֿט דאָס דערמאָנטע געזעץ.

נאָכן אויספּירן דאָס געזעץ פֿון מאַרץ 1938 און זײַנע אויספּיר־תּקנות פֿון אָקטאָבער זײַנען אַ גרויסע צאָל פּוילישע ייִדן אין אויסלאַנד געבליבן אין גאַנצן אָן בירגערשאַפֿט. אין אַ ספּעציעל טראַגישן מצבֿ האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען די פּוילישע ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין היטלער־דײַטשלאַנד. די דײַטשן האָבן דאָך וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן פֿון זייערע „אייגענע״ ייִדן און אַוודאי האָבן זיי נישט געוואָלט טראָגן דעם „יאָך״ פֿון „פֿרעמדע״ ייִדן.

אין איינער פֿון די אָקטאָבער־נעכט 1938 האָט די „געשטאַפּאָ״ דורכגעפֿירט אַ ווילד געיעג איבער ייִדן פּוילישע בירגערס. טויזנטער מענטשן זײַנען געכאַפּט געוואָרן אויף די גאַסן, אַרויסגענומען פֿון זייערע היימען, טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען צו דער פּוילישער גרענעץ, און איבער געוואַלד אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע.

ס׳האָבן זיך דערבײַ אָפּגעשפּילט האַרצרײַסנדיקע סצענעס. מען האָט אָפּגע־צעטיילט משפּחות, איינער האָט נישט געוווּסט פֿון צווייטן. קיין שום זאַך האָט מען נישט געלאָזט מיטנעמען מיט זיך (אַחוץ 10 מאַרק). ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אַפֿילו די רעאַקציאָנערע פּוילישע רעגירונג וועט אָדער ווירקן אויף איר דײַטשן „פֿאַרבינדטן״ אָפּצושטעלן די עוואַקואַציע פֿון די פּוילישע ייִדן, אָדער אויפֿנעמען זיי ווי פּוילישע בירגערס און געבן זיי די בייטיקע הילף אין זייער גרויסן אומגליק. אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געטאָן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע.

די פּוילישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַרײַנרײַסן מיט היטלער־דײַטשלאַנד

צוליב ייִדן, אָבער זי האָט זיי אויך נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין לאַנד אַרײַן און טראַקטירן זיי ווי בירגערס. האָט זי געשאַפֿן אַ לאַגער אין דעם גרענעץ־שטעטל זבאָנשין און דאָרט פֿאַרשפּאַרט די אַריבערגעוואָרפֿענע ייִדן. די היגיע־נישע באַדינגונגען אין דעם לאַגער זײַנען געווען מוראַדיקע און די צאָל קראַנקע איז געוואָלדיק געשטיגן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי אינטערווענצן, אַז מען זאָל די מענטשן אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ, וואָרעם כמעט יעדער פֿון זיי איז געווען פֿאַרבונדן מיטן לאַנד, אָבער חדשים זײַנען אַדורך און זיי זײַנען געבליבן פֿאַרשפּאַרט אין לאַגער.

אונטערן דרוק פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג האָבן זיך אָנגעהויבן אונטער־האַנדלונגען צווישן דער פּוילישער רעגירונג און היטלער־דײַטשלאַנד. ווי אַ רעזולטאַט פֿון די אונטערהאַנדלונגען איז דער ווײַטערדיקער גירוש טיילווײַז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און בנוגע די וואָס מען האָט דאָך אַרויסגעשיקט איז געקומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג, אַז 70% פֿון זייער פֿאַרמעגן מעגן זיי מיטנעמען מיט זיך.

דערווײַל האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געוואַלדיקע פּראָטעסט־קאַמפּאַניע איבערן לאַנד קעגן דער אוממענטשלעכער האַנדלונג פֿון דער פּוילישער רעגירונג לגבי די ייִדן אין זבאָנשינער לאַגער. מען דאַרף צוגעבן, אַז די פּוילישע אַרבעטער־שאַפֿט האָט אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ פֿאַר די אומשולדיקע קרבנות פֿון היטלער־רעזשים און פֿון אייגענעם רעאַקציאָנערן רעזשים. ס'האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין פֿאַלן פֿון מענטשלעכער האַרציקער האַנדלונג מצד דער פּוילישער באַ־פֿעלקערונג אין זבאָנשין גופֿא.

אונטערן דרוק פֿון די פּראָטעסטן און אינטערווענצן איז ענדלעך דער טרויעריק באַרימטער לאַגער אין זבאָנשין ביסלעכווײַז ליקווידירט געוואָרן.

די מעשׂה זבאָנשין וועט אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון פּוילן ווי איינער פֿון אירע טרויעריקע קאַפּיטלען.

„אַלע זײַנען גלײַך לגבי דעם געזעץ"

זינט דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע האָט יעדער מאָדערנע מלוכה־קאָנ־סטיטוציע אַרײַנגענומען אינעם צעטל פֿון דעם בירגערס רעכט דעם כּלל, אַז אַלע בירגערס זײַנען גלײַך לגבי דעם געזעץ. אין נײַ אויפֿגעקומענעם פּוילן איז צום ערשטן מאָל די דאָזיקע פֿאָרמולע אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אינעם אַרטיקל 7 פֿונעם דערמאָנטן טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן. לויט אָט דעם אַרטיקל זײַנען „אַלע פּוילישע בירגערס, אָן אונטערשייד פֿון ראַסע, שפּראַך אָדער רעליגיע, גלײַך לגבי דעם געזעץ; דער אונטערשייד אין רעלי־גיעזן גלויבן דאַרף נישט זײַן קיין שטערונג אין געניסן פֿון אַלע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט ווען ס'האַנדלט זיך וועגן צולאָזן צו עפֿנטלעכע אַמטן אָדער צו פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס און אין דער אינדוסטריע". אויך אין דער מאַרץ־קאָנסטיטוציע (אַרט' 26) געפֿינען מיר אַן ענלעכע פֿאָרמולירונג: „אַלע בירגערס זײַנען גלײַך לגבי דעם געזעץ. אַלע פּאָליטישע אַמטן זײַנען אין אַ גלײַ־

כער מאָס צוגעגנגלעך לויט די באַדינגונגען וואָס דאָס געזעץ זעט פֿאָר". די נײַע פּוילישע קאָנסטיטוציע פֿון 1935 האָט אויך אײַנגעהאַלטן דעם אַרטיקל 26 פֿון דער מאַרץ־קאָנסטיטוציע וועגן גלײַכהייט לגבי דעם געזעץ.

אָבער די ווירקלעכקייט איז געווען גאַנץ ווײַט פֿון אָט דער פּאַפּירענער קאָנסטיטוציאָנעלער פֿאָרמולע, און דאָס נישט בלויז בנוגע יידן, נאָר אַפֿילו בנוגע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. און אויב בנוגע אַנדערע פּוילישע בירגערס האָט זיך די אומגלײַכהייט נישט אַזוי געוואָרפֿן אין די אויגן, איז אָבער לגבי דער יידישער מינדערהייט דער קאָנסטיטוציאָנעלער פּרינציפּ וועגן גלײַכהייט לגבי דעם געזעץ געווען פּאַקטיש אַ פּאַרס. ס'איז נישט געווען כמעט קיין איין געביט, וווּ דער דאָזיקער פּרינציפּ זאָל אין דער פֿולער מאָס אָנגעווענדט ווערן. ס'איז געגנוג צו מאַכן אַן איבערבליק פֿון געוויסע מינים רעכט כּדי זיך איבערצוצײַגן, אַז לגבי דער יידישער מינדערהייט האָט געהערשט דער פּרינציפּ פֿון אומגלײַכהייט. לאָמיר נעמען ווי אַ דוגמא די פּאָליטישע רעכט.

ווען פּוילן איז צוריק אויפֿגעשטאַנען, זײַנען אירע מיזרח־גרענעצן נאָך נישט געווען פֿעסטגעשטעלט; דער סיים האָט דעריבער נ אָ מ י נ י ר ט דעפּו־טאַטן פֿון די מיזרח־געביטן, אָבער נאָמינירט האָט ער בלויז פּאָליאַקן. כּדי צו באַנעמען די גרייס פֿון דער עוולה מוז מען געדענקען, אַז די מיזרח־געביטן זײַנען אין אַ גרויסער מאָס געווען באַוווינט פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און בתוכם אַ גרויסע יידישע באַפֿעלקערונג. די מערהייט פֿון פּוילישן סיים האָט נישט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו נאָמינירן כאָטש איין פֿאָרשטייער פֿון די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן.

בשעת פּוילן האָט געלייגט די פֿונדאַמענטן פֿאַר איר צוקונפֿטיקער אַרמיי און גענומען אויף גיך אָרגאַניזירן דעם אָפֿיצירן־קאָרפּוס זײַנען אויך דאָ אויס־געמיטן געוואָרן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די יידישע בתוכם. דעם 1טן יולי 1919 נעמט דער סיים אָן אַ געזעץ, אַז אַלע אָפֿיצירן פֿון פ ו י ל י ש ע ר נאַציאָנאַליטעט דאַרפֿן זיך רעגיסטרירן. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן קיין פּראָטעסטן, און די פֿאָרמולירונג פֿון די יידישע סיים־דעפּוטאַטן, אַז ס'דאַרפֿן זיך רעגיסטרירן אַ ל ע געוועזענע אָפֿיצירן וואָס זײַנען פּוילישע בירגערס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

אין 1920 ברעכט אויס די פּויליש־רוסישע מלחמה. די יידישע מינדערהייט דערפֿילט איר בירגערלעכן חובֿ און אַ גרויסע צאָל פֿון דער יידישער יוגנט טרעט אַרײַן אין מיליטער. אָבער דאָ געשעט דער באַרימט געוואָרענער יאַבלאָנ־נע־עפּיזאָד: יידישע אָפֿיצירן און זעלנערס ווערן אינטערנירט און אַוועקגעשיקט אין אַ ספּעציעלן לאַגער אין יאַבלאָננע, הינטער וואַרשע. די אָפֿיציעלע אויפֿ־קלערונג איז געווען: יידן זײַנען פֿרײַנדלעך צו די באָלשעוויקעס און דעריבער קאָן מען צו זיי נישט האָבן קיין צוטרוי. דאָס איז געווען אַ מוראדיקער פּאַטש אין פּנים דער יידישער באַפֿעלקערונג. יידן זײַנען אָפֿיציעל געשטעמפּלט געוואָרן ווי פֿאַררעטערס. אין סעפּטעמבער 1920 פֿאַראָרדנט די פּוילישע מילי־טער־מאַכט, אַז יידן טאָרן נישט געשיקט ווערן אויפֿן פֿראָנט; ערשט נאָך אַן אינטערווענץ איז די פֿאַראָרדענונג אַ ביסל געמילדערט געוואָרן.

עפֿנטלעכע אַמטן זײַנען פֿאַר ייִדן געווען כּמעט ווי געשלאָסן. אַ קלאַסישער בײַשפּיל איז אין דעם פּרט די פּראָבלעם פֿון געריכטס־אַפּליקאַציע (דאָס צולאָזן ייִדן צו געריכטס־פּראַקטיק). טויזנטער ייִדישע סטודענטן האָבן שטודירט רעכט, אָבער די צאָל וואָס האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט ממשיך צו זײַן זייער שטודיום איז געווען זייער אַ קליינע, נישט ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט שטודירן, נאָר ווײַל מען האָט פֿאַר ייִדן פֿאַרמאַכט די וועגן צו אַדוואָקאַטור. כּדי צו ווערן אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ ריכטער האָט מען געמוזט אַדורכמאַכן אַ ספּעציעלע געריכטס־פּראַקטיק, וואָס האָט געדויערט אין אַנהייב צוויי, שפּעטער דרײַ יאָר. אַזאַ געריכטס־פּראַקטיק האָט מען געקאָנט באַקומען נאָר אויפֿן סמך פֿון אַ נאָמינאַציע פֿון יוסטיץ־מיניסטער, און ער האָט קיין ייִדן נישט נאָמינירט. אויב ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אַ ייִדן צו באַקומען אַ נאָמינאַציע, איז דאָס פֿאַררעכנט געוואָרן צו די זייער גליקלעכע פֿאַלן. אויף אַזאַ אופֿן איז די גאַנצע אַרבעט פֿון אַ גאַר גרויסער צאָל ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַ לאַנגע צײַט אויף זייער שטודיום, געגאַנגען לאיבוד.

צווישן די באַגרענעצונגען פֿון ייִדישע רעכט איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז ביז 1931 איז געווען אין קראַפֿט אַ געזעץ, אַז ייִדן טאָרן נישט זײַן קיין אַפּוטרופּסים איבער מינדעריעריקע קריסטן און קאָנען נישט זײַן קיין מיטגלי־דער פֿון אַ פֿאַמיליע־ראַט וואָס האָט די אויפֿזיכט איבער אַ קריסט. ערשט דאָס געזעץ פֿון 1931, וואָס האָט בטל געמאַכט די צאַרישע באַגרענעצונגען, האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ געוויסן שינוי.

מען דאַרף נאָך דאָ דערמאָנען די מניעות וואָס ייִדן האָבן באַגעגנט אין פּרט פֿון אויסקלײַבן אַ ווינאָרט. ס׳פֿעלן נישט קיין פֿאַלן, ווען ייִדן ווערן אויפֿ־געפֿאָדערט תּיכּף צו פֿאַרלאָזן דאָס פּריִערדיקע ווינאָרט. אַזוי למשל ווערן ייִדן דעם 5טן סעפּטעמבער 1919 אַרויסגעטריבן פֿון טייל גיטער אין קאָזשעניצער געגנט.

וואָס שייך עמיגראַציע האָט די מאַכט דעם 16טן נאָוועמבער 1920 אַרויס־געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע ייִדן וואָס עמיגרירן פֿון לאַנד מוזן אונטער־שרײַבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון דער פּוילישער בירגערשאַפֿט און אַז זיי וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן קיין פּוילן.

פֿרײַהייט פֿון געוויסן און רעליגיע

דער אינטערנאַציאָנאַלער טראַקטאַט וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָט אין אַרטיקל 2 פֿאַרזיכערט פֿרײַהייט פֿון רעליגיע. דער דאָזיקער פּונקט האָט געהאַט אַ שײַכות צו אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין אַרטיקל 11 גיט אָבער דער טראַקטאַט אַ ספּעציעלע פֿאַרזיכערונג פֿאַר דער ייִדישער מינדערהייט: עס ווערט איר גאַראַנטירט די רעכטלעכע מעגלעכקייט אָפּצוהיטן שבת. ייִדן האָבן דאָס רעכט נישט צו קומען שבת אין געריכט; שבת דאַרפֿן נישט אײַנגע־אָרדנט ווערן קיין עפֿנטלעכע וואַלן.

די פּוילישע מאַרץ־קאָנסטיטוציע גיט אָפּ אַזש צוויי אַרטיקלען דער פּראָבלעם פֿרײַהייט פֿון געוויסן און רעליגיע (אַרט׳ 111—112).

לויטן אַרטיקל 111 ווערט פאַרזיכערט אַלע בירגערס פרייהייט פון געוויסן און רעליגיע. קיין שום בירגער — זאָגט זיך דאָרט — קאָן נישט צוליב זיין אמונה באַגרענעצט ווערן אין די רעכט וואָס עס געניסן אַנדערע בירגערס. די קאָנסטיטוציע גייט נאָך ווייטער, זי אַנערקענט פאַר איינוווינערס פון דער פוילישער מלוכה דאָס רעכט צו באַקענען זיך צו וועלכן גלויבן זיי ווילן; אינ־דיווידועל אָדער עפנטלעך אויסצופירן די רעליגיעזע דינים און ריטואַלן, אויב דאָס איז נאָר נישט אין סתירה צו דער עפנטלעכער אָרדענונג און מאָראַל. דער אַרטיקל 112 שטעלט פעסט, אַז מען טאָר נישט אויסניצן די רעליגיעזע פרייהייט אויף אַן אופן וואָס איז קעגן געזעץ. קיינער קאָן זיך נישט אָפזאָגן פון אויספירן זיינע עפנטלעכע פליכטן צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען; קיינער קאָן נישט זיין געצוווּנגען אָנטייל צו נעמען אין רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אויך די נייע פוילישע קאָנסטיטוציע פון 1935 האָט איבערגעלאָזט די אַרטיקלען 111 און 112 אין קראַפט.

ווי מיר זעען איז די פרייהייט פון רעליגיע פאַר ייִדן געווען טאָפּלט פאַרזיכערט: דורך דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע פאַר אַלע בירגערס און דורכן טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; אָבער פרייהייט פון גע־וויסן איז געווען גאַראַנטירט נאָר אויפן סמך פון אַן אַלגעמיינער קאָנסטיטו־ציאָנעלער באַשטימונג. ווי האָט אָבער די זאַך אויסגעזען אין לעבן? אַ קורצע צייט נאָכן אונטערשרייבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן טראַקטאַט וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פוילן גייט אַרויס אַ געזעץ וועגן דער אַרבעטסצייט אין האַנדל און אינדוסטריע (18טן דעצעמבער 1919). דאָס דאָזיקע געזעץ האָט פעסט־געשטעלט דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און האָט פאַרווערט צו אַרבעטן זונטאָג און אַנדערע יום־טובים. היות ייִדישע אַרבעטערס, קרעמערס, סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן אין זייער גרעסטער מערהייט אָפגעהיט שבת, זיינען זיי געווען געצוווּנגען צו רוען ביידע טעג. אָבער צוליב עקאָנאָמישע סיבות האָבן ייִדן זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו רוען ביידע טעג, האָט מען געאַרבעט זונטאָג. די פראָצעסן פאַר אַרבעטן און האַנדלען זונטאָג זיינען געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, רויִנירט די קלענערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן און געבראַכט דערצו, אַז נישט געקוקט אויף דער פאַרזיכערטער פרייהייט פון רעליגיע, זיינען אַ גרויסע צאָל ייִדישע אונטערנעמונגען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אום שבת.

הגם דער טראַקטאַט פאַרזיכערט, אַז קיין וואַלן צו עפנטלעכע אינסטיטו־ציעס וועלן נישט פאָרקומען אום שבת, זיינען געווען אַ ריי פאַלן, ווו ס׳זיינען יאָ פאָרגעקומען וואַלן סיי שבת סיי אין אַנדערע ייִדישע יום־טובים. אַזוי למשל זיינען די וואַלן צו די שטאָטראַטן אין מאַקעווע און טשענסטאָכאָוו פאָרגעקומען אום שבת, און די וואַלן צום שלעזישן סיים זיינען פאָרגעקומען דעם צווייטן טאָג ראָש־השנה (24סטן סעפּטעמבער 1922).

וואָס שייך פרייהייט פון געוויסן איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז די פוילישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט אַנגעווענדט אַן אַלט צאַריש געזעץ, וואָס זאָגט, אַז ייִדישע קינדער וואָס מען האָט נישט מל געווען קענען

נישט פֿאַרשריבן ווערן אין די מעטריקע־ביכער און ממילא קאָנען זיי נישט אַרויסנעמען קיין געבוירן־שײַן.

עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע עפֿנטלעכע קאַמפּאַניע קעגן די מאַסאָנען, און דער עיקר קעגן דער יִדישער „בני־ברית"־לאָזשע. דעם 22סטן נאָוועמבער 1938 גייט אַרויס אַ געזעץ וועגן פֿונאַנדערלאָזן די מאַסאָנען־לאָזשעס. אויפֿן סמך פֿון דעם געזעץ איז טאַקע די „בני־ברית"־לאָזשע פֿונאַנדערגעלאָזט געוואָרן און איר פֿאַרמעגן איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן.

אַזוי האָט אויסגעזען די פֿרײַהייט פֿון געוויסן און רעליגיע אין לעצטן פעריאָד פֿון פּוילנס מלוכה־לעבן.

שוץ פֿון לעבן און פֿאַרמעגן

אויף דער שוועל פֿון פּוילנס ווידעראויפֿלעבונג, ווען עס האָבן נאָך גע־פֿלאַקערט די קאַמפֿן בײַם אַנטוואָפֿענען דעם אָקופּאַנט, זײַנען די פּוילישע גאַסן באַפֿלעקט געוואָרן מיט אומשולדיק יִדיש בלוט. דאָס יִדישע לעבן איז געוואָרן הפקר, יִדיש האָב און גוטס — מחוץ יעדער געזעץ. פּאָגראָמען אויף דער יִדישער באַפֿעלקערונג און גאַסן־אָנפֿאַלן אויף יִדישע דורכגייערס זײַנען געווען אַן אָפּטע דערשײַנונג. די אומרוען זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון טונקעלע, רעאַקציאָנערע עלעמענטן וואָס האָבן געוואָלט דערטרינקען אין יִדיש בלוט די וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין לאַנד.

אויפֿן סדר־היום זײַנען געשטאַנען אַ ריי וויכטיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, ווי דאָס אַדורכפֿירן די אַגראַר־רעפֿאָרם און לייגן די פֿונדאַמענטן פֿאַר דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. רעאַקציאָנערן וואָס האָבן זיך אַנטקעגנ־געשטעלט צו פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע פּראָבלעמען אין גײַסט פֿון פּראָגרעס און סאָציאַלן יושר, האָבן געפֿירט די צעברויזטע פּוילישע שיף צו די מוטנע וואַסערן פֿון אומרוען און פּאָגראָמען.

מיר קאָנען זיך דאָ נישט ברייטער אָפּשטעלן אויף דער געשיכטע פֿון די פּאָגראָמען אין ערשטן אָרגאַניזאַציאָנעלן פעריאָד פֿון דער פּוילישער רעפּובליק. ס'איז גענוג צו דערמאָנען בלויז די פּאָגראָמען אין לעמבערג, טשענסטאָכאָוו און די איבערפֿאַלן אויף דער יִדישער באַפֿעלקערונג אין וואַרשע און אַנדערע שטעט.

דער שרעקלעכסטער פּאָגראָם איז געווען אין לעמבערג. לויט די אָפֿיציעלע באַריכטן זײַנען געווען 73 געהרגעטע, 280 שווער פֿאַרוווּנדעטע, 500 צעראַבירטע געשעפֿטן, 54 אונטערגעצונדענע הײַזער (צוויי־ און דרײַ־שטאָקיקע), 2,000 היימלאָזע, 12 פֿאַרגוואַלדיקונגען. ס"ה האָבן געליטן 4,000 יִדישע משפּחות.

נישט איין מאָל זײַנען די פּאָגראָמען געווען אַן אָביעקט פֿון הייסע דיס־קוסיעס אין סיים. די יִדישע פֿאָרשטייערס און די פֿאָרשטייערס פֿון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס האָבן נישט איין מאָל אויפֿגעהויבן זייער פּראָטעסט קעגן די יִדן־אומרוען. אַזוי, למשל, האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּפּ"ס) דעם 12טן יוני 1919 אַרײַנגעטראָגן אין סיים אַ דרינגענדיקן פֿאָרשלאָג אָפּצו־שטעלן די יִדן־אומרוען. די לינקע פּויערים־גרופּע „וויזוואָלעניע" האָט אַרײַנ־

געטראָגן אַן ענלעכן פֿאָרשלאָג, אָבער די רעאַקציאָנערע מערהייט האָט אַלע מאָל געפֿונען די געהעריקע צאָל שטימען אָפּצוואַרפֿן אַזעלכע פֿאָרשלאָגן. און די פֿאָרשטייערס פֿון דער זיכערהייטס־מאַכט? — זיי האָבן זייער גיך רעאַגירט ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿונאַנדעריאָגן אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, אָבער זיי זײַנען געווען שטום און בלינד ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער זיכערקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

בײַ אַזאַ צושטאַנד, ווען אין פּוילן האָט געהערשט אַבסאָלוטע אומזיכערקייט פֿאַר ייִדן, האָט די פּוילישע דעלעגאַציע אין ווערסאַל פֿאַרטיידיקט דעם שטאַנד־פּונקט, אַז מען טאָר פּוילן נישט אָנוואַרפֿן קיין טראַקטאַט וואָס זאָל גאַראַנטירן רעכט פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווײַל — האָט די דעלעגאַציע געטענהט — די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע בירגערס. ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז פּוילן האָט נישט געקענט געווינען דעם קאַמף אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום בעת אין לאַנד זײַנען פֿאָרגעקומען אַזעלכע אומרוען. וואָלט אין לאַנד געהערשט אַן אמתע גלײַך־באַרעכטיקונג, וואָלט דער קאַמף פֿון דער פּוילישער דעלעגאַציע געווען אַ פֿיל לײַכטערער און אפֿשר וואָלט זי אַפֿילו דעם קאַמף געוווּנען. דעם טראַקטאַט וועגן נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן האָט פּוילן אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען די פּאָגראָמען וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אינעם ערשטן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּעריאָד.

אין אַרטיקל 2 פֿון טראַקטאַט ווערט געזאָגט, אַז ס'ווערט פֿאַרזיכערט די אײַנוווינערס פֿון לאַנד שוץ פֿון לעבן. וועגן שוץ פֿון פֿאַרמעגן ווערט גאָרנישט דערמאָנט. אין דער פּוילישער מאַרץ־קאָנסטיטוציע (אַרט' 95) זאָגט זיך, אַז די פּוילישע רעפּובליק פֿאַרזיכערט אויף איר שטח די פֿולע שוץ פֿון לעבן, פֿרײַהייט און פֿאַרמעגן פֿאַר אַלעמען אָן אונטערשייד פֿון אָפּשטאַם, נאַציאָנאַלי־טעט, שפּראַך און רעליגיע. אין דער נײַער פּוילישער קאָנסטיטוציע פֿון 1935 איז דער דאָזיקער אַרטיקל איבערגעלאָזט געוואָרן. ווי מיר זעען אַנטהאַלט די קאָנסטיטוציע אַ פֿיל ברייטערע פֿאָרמולירונג. אַחוץ דעם זײַנען אין די פֿאַר־בליבענע שטראָפֿקאָדעקסן געווען ספּעציעלע פּונקטן צו באַשטראָפֿן די וואָס רופֿן אַרויס אומרוען פֿון איין ראַסע אָדער גרופּע קעגן דער צווייטער. אויפֿן געוועזענעם רוסישן געביט, ווו עס איז נאָך געווען גילטיק דער רוסישער שטראָפֿקאָדעקס, איז דאָס געווען פֿאָרמולירט אין אַרטיקל 129. ווען מען האָט פֿאַראייניהייטלעכט די געזעץ־געבונג אין גאַנצן לאַנד און ס'ווערט געשאַפֿן איין שטראָפֿקאָדעקס, גייט אין אים אויך אַרײַן אַן ענלעכער פּאַראַגראַף (אַרט' 163). נישט געקוקט אויף דעם אַלעם זײַנען דאָך פֿון צײַט צו צײַט פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף ייִדן. זיי האָבן זיך איבערגעחזרט מיט אַ געוויסער סיסטע־מאַטישקייט און אַרויסגערופֿן געוואָרן זײַנען זיי אַלע מאָל דורך די הענט פֿון געוויסע רעזשיסאָרן, וואָס די מאַכט האָט קיין מאָל נישט אַנטדעקט, אָדער בעסער געזאָגט, נישט געוואָלט אַנטדעקן.

אויב ס'גייט וועגן לעצטן פּעריאָד פֿון פּוילן, ווען די אָפֿיציעלע רעגירונגס־אײַנשטעלונג איז געוואָרן היטלער־פֿרײַנדלעך, איז די לאַגע געוואָרן נאָך אומדערטרעגלעכער. פּאָגראָמען, גרעסערע אָדער קלענערע, זײַנען געוואָרן

אַ באַשטאַנדטייל פֿון לעבן פֿון דער איבער דרײַמיליאָניקער ייִדישער באַפֿעל־קערונג. ס׳איז געגוג אויסצורעכענען די פּאָגראָמען אין אַזעלכע שטעט ווי פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, טשענסטאָכאָוו, בריסק, כּדי צו פֿאַרשטיין די לאַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן.

ווען די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פּרוּוון אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ טרעפֿן זיי זיך אָן אויף אומדערוואַרטע שטערונגען מצד די זיכערקייט־אָרגאַנען: נישט גענוג וואָס זיי נעמען נישט אונטער זייער שוץ דאָס לעבן פֿון די געדרודפּטע ייִדן, נאָר זיי לאָזן נישט די ייִדישע יוגנט אַליין זיך ווערן קעגן די כוליגאַנעס. די דאָזיקע באַציִונג איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ריי פּראָצעסן וועגן די פּאָגראָמען. די פּראָצעסן זײַנען געוואָרן אַזוי קאָנסטרויִרט, אַז ס׳זײַנען אָוועקגעזעצט געוואָרן אויף איין באַשולדיקונגס־באַנק סײַ דער באַפֿאַלענער ייִד, וואָס האָט זיך געוואַגט אַנטקעגנצושטעלן, סײַ דער מערדער און פּאָגראָמ־שטשיק. ביידע זײַנען גלײַכע שותּפֿים אינעם פּראָצעס, ביידע זײַנען גלײַך שולדיק אין אַרויסרופֿן די אומרועןֹ, וואָס האָבן זיך אָפּט געענדיקט מיט אויסקוילענען אַ היפּש ביסל מענטשן.

די פּראָצעסן וועגן די פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק און בריסק וועלן פֿאַרבלײַבן אַ שוואַרצער פֿלעק אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן געריכט־וועזן.

רעכטלעכע לאַגע פֿון ייִדן אויפֿן געביט פֿון האַנדל, אינדוסטריע און אַרבעט

###ווירטשאַפֿטלעכע באַגרענעצונגען

לויט דעם אָנגענומענעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, געהערט די אינדיווידועלע פֿרײַהייט אין האַנדל, אַרבעט און אינדוסטריע צו די פֿונדאַמענטאַלסטע רעכט פֿון דעם בירגער. פֿאַר דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע זײַנען געווען אויף דעם געביט באַגרענעצונגען פֿאַר פֿאַרשיידענע שטאַנדן און רעליגיעזע גרופּעס, דער עיקר פֿאַר ייִדן. אַ ריי באַשעפֿטיקונגען זײַנען פֿאַר ייִדן געווען אין גאַנצן פֿאַרבאָטן, אַ טייל איז געווען דערלויבט אונטער געוויסע באַדינגונגען. ערשט די פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע און די עמאַנציפּאַציע האָבן אַרײַנגעבראַכט גרויסע שינויים וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿילן ווײַט איבער די גרענעצן פֿון פֿראַנקרײַך. אָבער אין טייל לענדער זײַנען נאָך אַלץ פֿאַרבליבן רעשטלעך פֿון ווירטשאַפֿט־לעכע באַגרענעצונגען ספּעציעל לגבי ייִדן. דער עיקר איז דאָס נוגע די לענדער, ווו די רעאַקציע קומט ווידער צו דער מאַכט נאָכן פֿאַלן פֿון די ליבעראַלע רעזשימען אין די יאָרן 1848—1850.

פּוילן, וואָס איז צעטיילט געוואָרן אין 1795, האָט געהאַט ווירטשאַפֿטלעכע באַגרענעצונגען קעגן ייִדן אויפֿן געביט פֿון האַנדל און מלאָכה, פֿון קויפֿן ערד, פֿון פֿאַרנעמען זיך מיט פֿרײַע פּראָפֿעסיעס אד״גל. ווען פּוילן פֿאַלט אַרונטער אונטער פֿרעמדער הערשאַפֿט, פֿאַלן די באַזונדערע געביטן אַרונטער דער געזעץ־געבונג פֿון זייערע אָקופּאַנטן. די פֿריִערדיקע ווירטשאַפֿטלעכע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן עקסיסטירט קעגן ייִדן ווען פּוילן איז נאָך געווען אַ זעלבשטענדיקע

מלוכה, זײַנען טײלװײַז פֿאַרבליבן אױך אונטער דער אָקופּאַנטישער הערשאַפֿט, דערצו האָבן נאָך די נײַע בעל־הבתּים אײַנגעפֿירט נײַע באַגרענעצונגען. אַזױ האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די באַזונדערע געביטן, דעם רוסישן, דײַטשישן און עסטרײַך־אונגאַרישן, אַ ריי װירטשאַפֿטלעכע באַגרענעצונגען, װאָס האָבן אָנגעהאַלטן ביז פּױלן איז צוריק געװאָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה.

די פֿאָרמולע װעגן װירטשאַפֿטלעכער גלײַך־באַרעכטיקונג פֿאַר אַלע בירגערס געפֿינט איר אױסדרוק אינעם אַרטיקל 7 פֿון אינטערנאַציאָנאַלן טראַקטאַט װעגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּױלן, װאָס זאָגט: „דער אונטערשייד פֿון גלױבן דאַרף נישט שטערן קיינעם פֿון די בירגערס צו געניסן פֿון זײַנע ציװילע און פּאָליטישע רעכט װען ס׳האַנדלט זיך װעגן צולאָזן צו עפֿנטלעכע אַמטן אָדער בײַם אױספֿירן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס אין דער אינדוסטריע״. אױך אין דער פּױלישער מאַרץ־קאָנסטיטוציע געפֿינען מיר אין אַרטיקל 101 אַ ספּעציעלן פּונקט װאָס דעקלאַרירט די װירטשאַפֿטלעכע גלײַך־באַרעכטיקונג. יעדער בירגער — זאָגט זיך דאָרט — האָט די פֿרײַהייט אױסצוקלײַבן פֿאַר זיך אַ װױנאָרט אױפֿן שטח פֿון דער מלוכה, די פֿרײַהייט צו בײַטן זײַן װױנאָרט אָדער עמיגרירן, די פֿרײַהייט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַ פּראָפֿעסיע אָדער אױסניצן פֿאַרדינסט־מעגלעכקייטן, װי אױך צו פֿאַרקױפֿן זײַן אייגנטום. באַגרענעצונגען קענען אײַנגעפֿירט װערן נאָר אױפֿן סמך פֿון אַ געזעץ. דער אַרטיקל 102 פֿון דער קאָנסטיטוציע רעדט ספּעציעל װעגן אַרבעט: „די אַרבעט איז דער הױפּט־מקור פֿון װױלזײַן פֿון דער רעפּובליק און דעריבער דאַרף זי זיך געפֿינען אונטער אַ ספּעציעלער שוץ פֿון דער מלוכה; יעדער בירגער האָט דאָס רעכט אױף שוץ פֿון זײַן אַרבעט מצד דער מלוכה״. די נײַע פּױלישע קאָנסטיטוציע פֿון 1935 האָט אײַנגעהאַלטן די באַשטימונגען װעגן װירטשאַפֿטלעכער גלײַך־באַרעכטיקונג פֿאַר אַלע בירגערס.

אױב אױף אַנדערע געביטן פֿון אינדיװידועלע רעכט האָט עקסיסטירט אַ היפּשער מהלך צװישן דער קאָנסטיטוציאָנעלער גלײַך־באַרעכטיקונג און דער פֿאַקטישער רעכטלאָזיקייט איז אָבער באַזונדער גרױס געװען די שער צװישן טעאָריע און װירקלעכקייט אין פּרט פֿון װירטשאַפֿטלעכער גלײַך־באַרעכטיקונג פֿאַר דער ייִדישער מינדערהייט. נישט געקוקט אױף דער אָפֿיציעלער קאָנסטיטוציאָנעלער גלײַך־באַרעכטיקונג איז געפֿירט געװאָרן אַ פּאָליטיק פֿון עקאָנאָמישער אױסראָטונג. און מען מוז פֿעסטשטעלן, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק לגבי דער ייִדישער מינדערהייט איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלױז פֿאַר אַן איינצלנעם פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון פּױלנס צװאַנציקיעריקער אומאָפּהענגיקייט, נישט פֿאַר אַן איינצלנעם רעזשים אָדער רעגירונג, נאָר דאָס איז געװען אַ כראָנישע קראַנקייט אין דעם אָרגאַניזם פֿון דער פּױלישער רעפּובליק. אװדאי זײַנען געװען אונטערשיידן אױף דעם געביט צװישן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן פּעריאָד און דעם דיקטאַטאָרישן, אָבער אין סך־הכּל זעען מיר אַלע מאָל דעם זעלבן ציל, רויִנירן די ייִדישע באַפֿעלקערונג אױפֿן עקאָנאָמישן געביט.

װי געזאָגט זײַנען פֿאַרבליבן װירטשאַפֿטלעכע באַגרענעצונגען פֿון די פֿריִערדיקע אָקופּאַנטן. אַזױ למשל זײַנען אין געװ׳ רוסישן געביט געװען

באַגרענעצונגען פֿאַר ייִדן בײַם קויפֿן און פֿאַרקויפֿן ערד. אויך אַ צאָל באַשעפֿטיקונגען זײַנען געווען פֿאַר ייִדן געשלאָסן, למשל, די באַרג־אינדוסטריע אד״גל. די נידעריקע מאַכטאָרגאַנען האָבן אין פֿיל פֿאַלן פֿאַרנומען אַ שטעלונג, אַז די פֿריִערדיקע באַגרענעצונגען זײַנען גילטיק, ווײַל ס׳איז נישט געווען קיין געזעץ וואָס זאָל זיי אָפּשאַפֿן.

דעפּוטאַט האַרטגלאַס האָט אויף איינער פֿון די סיים־זיצונגען געבראַכט עטלעכע אינטערעסאַנטע פֿאַקטן פֿון דער פּראַקטיק פֿון די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, וואָס האָבן אַ שײַכות צו אונדזער ענין. אַזוי דערציילט ער, אַז אַ געוויסער יאַנקל שעכטער פֿון פֿאַלעניץ האָט געקויפֿט אַ שטיקל ערד בײַ אַ פּאַליאַק מישאַראָוויטש. כּדי צו קאָנען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן ערד האָט מען געמוזט באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון אַ ספּעציעלן ערדאַמט („אוזשאָנד זשעמסקי״), דער ייִד שעכטער האָט אָבער באַקומען אַן אָפּזאָג פֿונעם דערמאָנטן אַמט, ווײַל ער געהערט צום ייִדישן גלויבן. ווײַטער דערציילט דעפּוטאַט האַרטגלאַס, אַז דער באַרג־אינדוסטריע־אַמט („אוזשאָנד גורניטשי״) האָט אויפֿן סמך פֿון אַ צאַרישן געזעץ פֿון 1912 פֿאַרווערט אַ געוויסן מוריצי מייטליס צו פֿאַרנעמען זיך מיט באַרג־אינדוסטריע, ווײַל ער איז אַ ייִד.

דער טראַקטאַט וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און דער פּרינציפּ פֿון גלײַך־באַרעכטיקונג אין דער פּוילישער מאַרץ־קאָנסטיטוציע האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער פּראַקטיק. די נידעריקע רעגירונגס־אַמטן האָבן זיך ווײַטער פֿאַררופֿן אויף די פֿריִערדיקע צאַרישע אָדער אַנדערע אָקופּאַנטישע געזעצן. ערשט אין 1931 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ וועגן אַנולירן אַלע פֿריִערדיקע באַגרענעצונגען פֿון די אָקופּאַנטן. דער פֿאַרשלאָג, אַז דער געזעץ זאָל אַרומנעמען אויך די באַגרענעצונגען וואָס זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן אין זעלבשטענדיקן פּוילן איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

באַגרענעצונגען פֿאַר ייִדישע אַרבעטערס

די ווירטשאַפֿטלעכע פּאָליטיק וואָס איז געפֿירט געוואָרן לגבי דער ייִדישער מינדערהייט קאָן מען נישט אַנדערש באַצייכענען ווי ווירטשאַפֿטלעכע עקסטערמינאַציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אָן אונטערשייד פֿון קלאַס. מיר וועלן אַנאַליזירן די באַגרענעצונגען פֿאַר יעדן קלאַס באַזונדער, כּדי בולטער אונטערצושטרײַכן, אַז די דיסקרימינאַציעס האָבן געהאַט אַ שײַכות צו דער גאַנצער ייִדישער מינדערהייט. מיר וועלן אָנהייבן אונדזער איבערבליק מיט דער באַציִונג צו ייִדישער אַרבעט.

ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק איז די צאָל ייִדישע אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אויף די באַנען, אויף דער פּאָסט און טעלעגראַף אאַז״וו (דער עיקר אין געוו׳ עסטרײַכישן געביט) געווען גענוג קליין. אָבער שוין באַלד אין אָנהייב ווערן דורך די פּוילישע מאַכטאָרגאַנען באַזײַטיקט די ייִדישע אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע. אין 1919 ווערן באַזײַטיקט אין לעמבערג 400 אָנגעשטעלטע אויף דער פּאָסט און טעלעגראַף, דעם 29סטן נאָוועמבער 1920 ווערן באַזײַטיקט די לעצטע ייִדישע

באַנאַרבעטערס אין מיזרח־גאַליציע. נאָך מער: די רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צוריקצונעמען די יידישע באַנאַרבעטערס וואָס זיינען אַוועק דינען אין דער אַרמיי. דעם 7טן יאַנואַר 1921 מעלדט זיך צום באַן־מיניסטער אַ דעלעגאַציע פון די דעמאָביליזירטע יידישע באַנאַרבעטערס, מען זאָל זיי צוריקנעמען צו דער אַרבעט, אָבער דער אָפּזאָג ווערט נישט צוריקגעצויגן.

אין שייכות מיט דער סטאַביליזאַציע פון דער וואַלוטע אין די יאָרן 1924—1925, ברעכט אויס אַ שטאַרקער קריזיס אין לאַנד. די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט, אָבער די צאָל יידישע אַרבעטסלאָזע שטייגט נאָך מער. טיילווייז צוליב דער נאַציאָנאַליזאַציע פון דער טאַבעק־אינדוסטריע, ווו ס'זיינען געווען באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטערס. אין גראָדנע, למשל, אַ וויכטיקער צענטער פון דער טאַבעק־אינדוסטריע, האָבן געאַרבעט אַן ערך 600 יידישע אַרבעטערס. ווען די רעגירונג נעמט איבער די פאַבריק, זוכט זי פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי פטור צו ווערן פון זיי. צו ערשט ווערט פאַראָרדנט, אַז די פאַבריק זאָל זיין אָפן שבת, גלייבנדיק, אַז דאָס וועט צווינגען די יידישע אַרבעטערס צו וואַרפן די אַרבעט, אָבער ווען דאָס העלפט נישט ווערן זיי באַזייטיקט. עס ווערן אויך באַזייטיקט לפנים 100 נישט־יידישע אַרבעטערס, וואָס אַ טייל פון זיי ווערן שפּעטער צוריק צוגענומען צו דער אַרבעט. אויף אַזאַ אופן איז דורכגעפירט געוואָרן די „פּאָלאָניזאַציע" פון דער טאַבעק־אינדוסטריע אין גראָדנע. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע צענטערס פון דער טאַבעק־אינדוסטריע, ווי וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק.

ווען די רעגירונג אָרגאַניזירט עפנטלעכע אַרבעטן, ווו ס'ווערן באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַרבעטסלאָזע, טרעפן זיך אָן די יידישע אַרבעטערס אויף שוועריקייטן, ווייל די רעאַקציאָנערע שטאָט־פאַרוואַלטונגען ווילן זיי נישט צולאָזן צו די דאָזיקע אַרבעטן. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס הייבן דעמאָלט אָן אַ קאַמפּאַניע אונטער דער לאָזונג: **ר ע כ ט א ו י ף א ר ב ע ט.**

דעם 17טן יולי 1924 ווערט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ וועגן אַרבעטסלאָזע־שטיצע, אָבער דער רוב יידישע אַרבעטערס האָבן דערפון נישט געקאָנט געניסן, ווייל דאָס געזעץ האָט פאַרויסגעזען, אַז אונטער אַרבעטסלאָזע־פאַרזיכערונג פאַלן אַרונטער נאָר די אַרבעטערס וואָס זיינען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען מיט לכל־הפחות 5 פּערזאָן. יידישע אַרבעטערס זיינען אָבער אין דער ווייט גרעסטער מערהייט געווען באַשעפטיקט אין קליינע וואַרשטאַטן, מיט ווייניקער ווי 5 פּערזאָן.

אויף דעם אָפּשניט האָט זיך קנאַפּ וואָס געביטן נאָך פּילסודסקיס מייאיבערקערעניש (1926). די מוניציפּאַליטעטן און די רעגירונג פירן די זעלביקע אויסראָט־פּאָליטיק לגבי יידישער אַרבעט. אין וואַרשע, למשל, זיינען צווישן די 4,342 טראַמוויי־אַרבעטערס געווען נאָר צוויי יידן. אין 1929 ווערן צוגענומען נאָך 1,500 אַרבעטערס, צווישן זיי 4 יידישע. אין דער וואַסער־ליטונג האָבן אין 1928 געאַרבעט 1,857 אַרבעטערס, צווישן זיי נאָר עטלעכע יידן, אין 1929 ווערן צוגענומען נאָך 1,000 אַרבעטערס, אָבער די קליינע צאָל יידישע אַרבעטערס ווערט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. בכלל זיינען אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען

פֿון דער וואַרשעווער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג געווען באַשעפֿטיקט אַן ערך 20,000 אַרבעטערס, צווישן זיי 50 ייִדן, ד״ה אַ פֿערטל פּראָצענט, בעת די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע האָט באַטראָפֿן 35%. די לאַגע אין די אַנדערע שטעט איז נישט געווען בעסער. ווען די רעגירונג האָט צוגענומען ביי אַלע פּריוואַטע שיף־ און עמיגראַציע־געזעלשאַפֿטן זייערע קאָנצעסיעס און אויף זייער אָרט געשאַפֿן דעם מלוכישן עמיגראַציע־סינדיקאַט האָבן כּמעט אַלע ייִדישע אָנגעשטעלטע אין די דאָזיקע געזעלשאַפֿטן (אַן ערך 1,000) פֿאַרלוירן זייערע שטעלעס. דעם 21סטן אָקטאָבער 1938 זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלע ייִדישע מוזיקערס אין פּוילישן ראַדיאָ, וואָס איז געווען אַ מלוכה־אונטערנעמונג.

דער וווּקס פֿון אַנטיסעמיטיזם האָט נאָך מער פֿאַרערגערט די לאַגע פֿון ייִדישער אַרבעט. ווען די ענדעקעס געווינען אַ מערהייט אין די שטאָטראָט־וואַלן אין לאָדזש אין 1934 שלאָגן זיי פֿאָר צו באַזייטיקן אַלע ייִדישע אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע, אָבער אַ דאַנק דער שטעלונג פֿון די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט די שטאָטראָט־זיצונג, איז דער פֿאָרשלאָג נישט אָנגענומען געוואָרן.

דער פּעריאָד 1936—1939 איז געווען דער טרויעריקסטער. די רעגירונג גייט אַריבער צו אַן אָפֿענער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק און צו אַן אַקטיווער אַנטי־ייִדישער געזעץ־געבונג. די אָנגענומענע געזעצן קעגן שחיטה און קעגן ייִדישן האַנדל מיט רעליגיעזע חפֿצים (זען ווייטער) האָבן געטראָפֿן אַ גרויסע צאָל ייִדישע אַרבעטערס. דער באָיקאָט אויפֿן ייִדישן האַנדל האָט זיך שטאַרק אָפּגערופֿן אויפֿן גורל פֿון די ייִדישע אָנגעשטעלטע. ס'האָבן זיך געמערט ליקווידירטע ייִדישע אונטערנעמונגען און ס'זיינען צוגעקומען פֿרישע מחנות ייִדישע אַר־בעטסלאָזע. הגם די מלחמה־סכּנה איז שוין געווען פֿאַר אַלעמען קלאָר, פֿירט די פּוילישע רעגירונג ווייטער אָדורך איר אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק און ייִדישע אַרבעטערס ווערן באַזייטיקט פֿון אַ ריי אינדוסטריעס צוליב „זיכערקייטס־טעמים״.

דיסקרימינאַציע קעגן ייִדישע סוחרים און פֿאַבריקאַנטן

לויט די אָפֿיציעלע סטאַטיסטישע טאַבעלעס, אַרויסגעגעבן פֿון הויפּט־סטאַטיסטישן מלוכה־אַמט,[8] האָט די אַלגעמיינע ייִדישע באַפֿעלקערונג אין 1931 באַטראָפֿן — 3,113,900 נפֿשות. פֿון דער צאָל האָבן געלעבט פֿון האַנדל — 996,600, פֿון אינדוסטריע — 791,800, צוזאַמען — 1,788,400 נפֿשות, ד״ה קרוב 58% פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָט געלעבט פֿון האַנדל און אינדוסטריע (אַריינגערעכנט מער פֿאַרמעגלעכע האַנטווערקערס). די דאָזיקע ציפֿערן ווייזן אונדז, אַז דיסקרימינאַציעס בלויז אויף דעם געביט האָבן געקענט אָנרירן מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

דערווירטשאַפֿטלעכער קריזיס אין לאַנד אין די יאָרן 1924—1926 האָט, פֿאַרשטייט זיך, שווער געטראָפֿן אויך די ייִדישע סוחרים, אָבער זייער מצב איז געוואָרן נאָך שווערער צוליב דער דיסקרימינירנדיקער שטייער־פּאָליטיק

8 *Mały rocznik statystyczny,* 1939, p. 31.

וואָס דער פֿינאַנץ־מיניסטער וולאַדיסלאַוו גראַבסקי האָט אָנגעווענדט לגבי דער יידישער באַפֿעלקערונג. (דעם וואָגן וואָס איז געקומען צונעמען די זאַכן פֿאַר נישט־באַצאָלטע שטייערן האָבן יידן אַ נאָמען געגעבן „גראַבסקיס עגלה".) ווי עס האָבן פֿעסטגעשטעלט ספּעציאַליסטן האָבן יידן ווי אַ שטאָטישער עלעמענט געמוזט אויסטראָגן 40 פּראָצענט פֿון די מלוכה־שטייערן, בעת די יידישע באַפֿעלקערונג האָט אויסגעמאַכט נאָר 10 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל אין לאַנד.

נאָך דער מײַ־איבערקערעניש אין 1926 האָט זיך די לאַגע נישט געביטן צום בעסערן. אָבער דער שווערסטער פּעריאָד פֿאַר יידישע סוחרים און פֿאַר דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג איז געקומען אין די יאָרן 1936—1939. דעמאָלט איז די אַזוי גערופֿענע „אָזאָן"[9]־רעגירונג, וועלנדיק נאָכקומען פֿון איין זײַט דער אינערלעכער רעאַקציע און פֿון דער צווייטער זײַט — היטלער־דײַטשלאַנד, מיט וועלכער זי האָט אָנגעהאַלטן פֿרײַנדלעכע באַציִונגען, איבער־געגאַנגען צו אַן אָפֿענער ווירטשאַפֿטלעכער אויסראָט־פּאָליטיק לגבי יידן. דער פּרעמיער פֿון דער רעגירונג, דער גענעראַל סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי, האָלט דעם 4טן יוני 1936 זײַן באַרימטע „אָושעם"־עקספּאָזע, ווו ער זאָגט זיך אַרויס קעגן פֿיזישע אָנפֿאַלן אויף יידן, אָבער גלײַכצײַטיק זאָגט ער, אַז פֿירן אַן עקאָ־נאָמישן קאַמף קעגן יידן — אַדרבא („אָושעם" — אויף פּויליש). סקלאַדקאָווסקי האָט געגעבן דעם סיגנאַל און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע קאַמפּאַניע קעגן יידישן האַנדל און אינדוסטריע. די שאָוויניסטישע פּוילישע פּרעסע האָט אָפֿן גערופֿן די פּאָליאַקן צו באָיקאָטירן יידישע געשעפֿטן. אָבער דאָס איז נאָך געווען ווינציק. די רעאַקציע גייט איבער צו אַן אַקטיווערער פּאָליטיק: אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך שטעלן זיך אַוועק כוליגאַנעס פֿאַר די יידישע געשעפֿטן און לאָזן אַהין אַרײַן נישט קיין קריסטלעכן קונה.

אַ ספּעציעלע ראָלע אינעם אַנטי־יידישן באָיקאָט האָבן געשפּילט די רעאַק־ציאָנערע שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען. זיי האָבן אָנגעווענדט פֿאַרשיידענע מיטלען כּדי צו רויִנירן דעם יידישן האַנדל. זיי האָבן באַזײַטיקט הונדערטער סוחרים פֿון די עפֿנטלעכע מאַרקפּלעצער, ספּעציעל אין פּויזנער און פּאָמערנער געגנטן. זיי האָבן אײַנגעפֿירט אין אַ ריי שטעט אַ סעגרעגאַציע פֿון די סוחרים לויט רעליגיע, מיטן צוועק צו שאַפֿן אַ מין ווירטשאַפֿטלעכע געטאָ פֿאַר די יידישע הענדלערס אין די עפֿנטלעכע האַנדלספּונקטן, ווי עס איז געווען דער פֿאַל למשל אין קאָליש. די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען האָבן זיך אויך באַניצט מיט אַנדערע המצאות פּטור צו ווערן פֿון יידישע סוחרים. אויב למשל אַ ייד האָט געהאַט אַ געשעפֿט אין אַ גוטן פּונקט פֿון שטאָט, איז געקומען אַ שטאָטישע קאָמיסיע און האָט געפּסקנט, אַז די געבײַדע מוז מען אַראָפּנעמען צוליב עסטעטישע טעמים. די אמתע סיבה איז אָבער געווען וואָס אין שכנות האָט זיך געפֿונען אַ קריסטלעך געשעפֿט פֿון דעם זעלביקן מין און מען האָט עס געוואָלט באַפֿרײַען פֿון אַ נישט־באַקוועמען קאָנקורענט. דער ייד האָט פֿאַר זײַן בנין

[9] ראָשי־תּיבֿות פֿון: Obóz Zjednoczenia Narodowego — לאַגער פֿון נאַציאָנאַלער איינהייט (פּילסודסקי־לאַגער).

געקריגן גראַשנס און ער איז ווירטשאַפֿטלעך רויִנירט געוואָרן, בעת דער פּוילישער סוחר איז געוואָרן געשטיצט מיט קרעדיטן סײַ פֿון דער רעגירונג סײַ פֿון פּריוואַטע בענק. אַ ריי שטאַט־פֿאַרוואַלטונגען האָבן אויך פֿאַראָרדנט זייערע אָנגעשטעלטע צו באָיקאָטירן ייִדישע געשעפֿטן (אין פּויזן און אַנדערע ערטער).

כּדי צו העלפֿן די שאָוויניסטישע עלעמענטן אין לאַנד אַדורכצופֿירן די באָיקאָט־אַקציע קעגן ייִדישן האַנדל און אינדוסטריע גיט די רעגירונג אַרויס דעם 26סטן אויגוסט 1936 אַ פֿאַראָרדענונג וועגן באַצייכענען דעם אָפּשטאַם פֿון געוויסע סחורות אין דעטאַל־האַנדל.[10] לויט דער דאָזיקער פֿאַראָרדענונג האָט יעדער שטיקל סחורה געמוזט האָבן דעם נאָמען פֿון פּראָדוצירער און דאָס אָרט וווּ עס איז פּראָדוצירט געוואָרן. פֿאַר נישט אויספֿירן די פֿאַראָרדענונג זײַנען געווען פֿאָרויסגעזען האַרבע שטראָפֿן. דער ציל פֿון דער פֿאַראָרדענונג איז געווען, אַז יעדער קאָנסומענט וואָס קומט קויפֿן עפּעס אַ פּראָדוקט זאָל באַלד קענען פֿעסטשטעלן ווער דער פֿאַבריקאַנט איז. די פֿאַראָרדענונג איז אַרײַן אין קראַפֿט דעם 10טן דעצעמבער 1936. לויט אָט דער פֿאַראָרדענונג האָט יעדער סוחר אָדער פֿאַבריקאַנט געמוזט באַנוצן זײַן ריכטיקן, מעטריקאַלישן נאָמען אויף דער שילד פֿון זײַן געשעפֿט אָדער פֿאַבריק. אין פּוילן האָבן ייִדן זייער אָפֿט פּאָלאָניזירט זייערע נעמען: פֿון לייב אויף לעאָן, משה — מאָריצי אד״גל. אויב אַ ייִד האָט געפֿירט אַ געשעפֿט אויפֿן נאָמען לעאָן קאָזלאָווסקי האָט ער, לויט דער נײַער פֿאַראָרדענונג, געמוזט אויף דער שילד אָנגעבן זײַן ייִדישן נאָמען — לייב קאָזלאָווסקי. עס איז אויך נישט דערלויבט געווען צו באַנוצן זיך בלויז מיט די איניציאַלן פֿון זײַן נאָמען. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן כּדי נישט „אָפּצונאַרן" דעם קאָנסומענט, וואָס קען נאָך חלילה קויפֿן אַ פּראָדוקט, מיינענדיק אַז ער איז געמאַכט געוואָרן פֿון דעם פּאָליאַק לעאָן קאָזלאָווסקי, בעת אין דער אמתן איז ער גאָר פּראָדוצירט פֿון דעם ייִד לייב קאָזלאָווסקי.

האַנטווערקערס און כאַלופּניקעס

דער ייִדישער כאַלופּניק און האַנטווערקער, פּונקט ווי דער אַרבעטער, האָבן שטאַרק געליטן עקאָנאָמיש אין פּעריאָד פֿון קריזיס אין לאַנד אין די יאָרן 1924־1925. ספּעציעל אָנגעווייטאָגט איז געווען די פֿראַגע וועגן זונטאָגרו. דער ייִדישער האַנטווערקער און כאַלופּניק האָבן נישט געקאָנט עקאָנאָמיש אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פֿון די פּוילישע האַנטווערקערס, ווײַל זיי האָבן געמוזט רוען צוויי טעג: שבת און זונטאָג. די ייִדישע האַנטווערקערס האָבן געמאַכט באַמיִונגען אָפּצושאַפֿן דעם פֿאַרבאָט צו אַרבעטן זונטאָג. אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי דאָס געזעץ איז אַרײַן אין לעבן האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצופּועלן געוויסע פֿאַרלײַכטערונגען, אַזוי, למשל, איז דערלויבט געוואָרן די ייִדישע בעקערס צו אַרבעטן זונטאָג. שפּעטער אָבער ווערן אַלע הנחות צוריקגעצויגן און דעם 11טן אויגוסט 1933 ווערט אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג וואָס פֿאַרווערט 50,000 ייִדישע בעקערס צו אַרבעטן זונטאָג.

---

10 *Dziennik Ustaw*, 1936, no. 68.

איינעם פֿון די שווערסטע קלעפּ האָבן די ייִדישע האַנטווערקערס באַקומען מיטן אָננעמען דעם א״ג „צעכן־געזעץ״. דאָס געזעץ האָט געשאַפֿן אַ פּרעציזיע סיסטעם פֿון רעגלאַמענטאַציע פֿון די מלאָכות אין פּוילן. ביזן געזעץ האָט יעדער זיך פֿרײַ געקענט באַשעפֿטיקן מיט וואָסער נישט איז מלאָכה, אָבער לויטן נײַעם געזעץ איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קלאַסיפֿיקאַציע פֿון מלאָכות. פֿאַר טייל מלאָכות האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש; מיט אַנדערע מלאָכות האָט מען זיך געקאָנט באַשעפֿטיקן נאָר נאָכן אויסהאַלטן אַן עקזאַמען. דאָס איז געווען פֿאַר די ייִדישע האַנטווערקערס אַ בפֿירושע גזירה, ווארעם ביז אַ באַשטימטן טערמין האָט יעדער האַנטווערקער (מיט געוויסע אויסנאַמען) געמוזט זיך מעלדן צום עקזאַמען און פֿאַר דעם האָט מען געמוזט דורכגיין אַ דרײַיעריקן קורס אין אַ פֿאַכשול און דערנאָך 3 יאָר „אויף דער לער״. היות די צאָל פֿאַכשולן אין פּוילן איז געווען אַ באַגרענעצטע, און די לערנשפּראַך איז געווען פּויליש, האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז ייִדן האָבן דאָס נישט געקענט דורכפֿירן. (אויך די עלטערע האַנטווערקערס, וואָס האָבן שוין לאַנגע יאָרן געפֿירט אייגענע וואַרשטאַטן, האָבן אויך געמוזט אָפּגעבן אַן עקזאַמען. אַזוי האָבן, למשל, אין 1932 בלויז 7% פֿון ייִדישע בעלי־מלאָכות געהאַט מײַסטער־דיפּלאָמען.) ווער עס איז נישט צוגעטראָטן צום עקזאַמען אָדער ער האָט אים נישט אויסגעהאַלטן, האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו פֿירן אַ וואַר־שטאַט. דעם עקזאַמען האָט מען געדאַרפֿט אָפּגעבן אין פּויליש, און היות אַ גרויסע צאָל ייִדישע האַנטווערקערס האָבן נישט באַהערשט ווי געהעריק די פּוילישע שפּראַך, איז זייער גורל צוליב דעם אַליין שוין געווען אַ געחתמעטער.

דער פּעריאָד, ווען פּוילן איז געווען היטלער־פֿרײַנדלעך, איז פֿאַר די ייִדישע האַנטווערקעס געווען דער שווערסטער און דער טראַגישסטער. הויכע שטײַערן, ווירטשאַפֿטלעכער קריזיס, באָיקאָט אויף ייִדישע פּראָדוקטן און ייִדישער אַרבעט האָבן געשאַפֿן אַן אויסזיכטסלאָזע סיטואַציע פֿאַר אַ גרויסער צאָל ייִדישע האַנטווערקערס און כאַלופּניקעס.

אַנטי־ייִדישע געזעצן אויף פֿאַרשיידענע געביטן

די אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל אַלץ אַגרעסיווער. כּדי צו געבן דער פֿאַקטישער דיסקרימינאַציע אַ לעגאַלע באַזע גיט די רעגירונג אַרויס אַ רײ פֿאַראָרדענונגען און זי טראָגט אַרײַן געזעץ־פּראָיעקטן אין סיים וואָס זייער ציל איז געווען צו באַגרענעצן ייִדישן האַנדל און אינדוסטריע.

ווי אַ דוגמא ברענגען מיר דאָ עטלעכע געזעצן און פֿאַראָרדענונגען פֿון דעם מין.

מילך־ און בעקערײַ־אינדוסטריעס

דעם 15טן אָקטאָבער 1936 גיט אַרויס דאָס לאַנדווירטשאַפֿט־מיניסטעריום צוויי פֿאַראָרדענונגען. איינע וועגן ספּעציעלע אײַנריכטונגען אין די מילכערײַען און פּראָפֿעסיאָנעלער צוגרייטונג פֿאַר די אָנגעשטעלטע אין דער מילך־אינדוס־

טריע[11] און די צווייטע וועגן דעם אַרויספֿיר פֿון פּוטער קיין אויסלאַנד[12]. בײדע פֿאַראָרדענונגען האָבן געשאַפֿן זייער אַ שווערע סיטואַציע פֿאַר ייִדישע מילך־אונטערנעמונגען, מחמת זיי זײַנען געוואָרן אָפּהענגיק פֿון דער אַדמיני־סטראַטיווער מאַכט. מען האָט באַלד געפּסלט אַ געוויסע צאָל ייִדישע אונטערנע־מונגען ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט די פּאַסיקע לאָקאַלן און אײַנריכטונגען. אײַנשאַפֿן זיך נײַע אײַנריכטונגען איז געווען איבער די פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן פֿון די ייִדישע אונטערנעמערס. דורך אינטערווענצן איז די גזירה אָפּגעשריגן געוואָרן אויף קורצע טערמינען. דערווײַל איז געקומען די מלחמה.

צום זעלבן טיפּ געהערט די פֿאַראָרדענונג פֿון אַרבעטס־מיניסטער פֿון 18טן פֿעברואַר 1937,[13] אַרויסגעגעבן מיט דער פֿאַרשטענדיקונג פֿון האַנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטער, וועגן דער אויפֿזיכט איבער דער אויסאַרבעטונג פֿון מעלפּראָדוקטן און געבעקס.

די פֿאַראָרדענונג האָט געשטעלט אַ ריי נײַע פֿאָדערונגען בנוגע די אײַנריכ־טונגען און דעם אָרט ווו עס מעגן זיך געפֿינען בעקערײַען. די בעקערײַען האָבן אויף דעם סמך געמוזט איבערבויען זייערע אונטערנעמונגען אין הסכּם מיט די כּללים פֿון דער פֿאַראָרדענונג. די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט איז געווען דער פּוסק אַחרון צי די געגעבענע בעקערײַ האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער נײַער פֿאַר־אָרדענונג. די בעקערײַען וואָס האָבן נישט אויסגעפֿאָלגט די פֿאַראָרדענונג זײַנען פֿאַרמאַכט געוואָרן. די מאַכט איז געווען ספּעציעל שטרענג צו די ייִדישע בעקע־רײַען, וואָס מען האָט אויף אַזאַ אופֿן געוואָלט ליקווידירן.

האַנדל מיט רעליגיעזע חפֿצים

צו דעם באַרג אַנטי־ייִדישע געזעצן געהערט אויך דער געזעץ וועגן פּראָדו־צירן און האַנדלען מיט רעליגיעזע חפֿצים, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורכן סיים דעם 25סטן מאַרץ 1938.[14] דאָס געזעץ איז אַזוי קאָנסטרויִרט, אַז עס ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען ייִד, פֿאַקטיש איז דאָס געווען אַ טיפּישער אַנטי־ייִדישער געזעץ. לויט דעם דאָזיקן געזעץ איז דאָס אויסאַרבעטן און האַנדלען מיט רעליגיעזע חפֿצים פֿון דער קריסטלעכער, ייִדישער און מוסולמע־נישער רעליגיעס דערלויבט נאָר פּערזאָנען וואָס געהערן צו דער שייכדיקער רעליגיע, אָדער אַזעלכע אונטערנעמונגען וואָס ווערן אָנגעפֿירט פֿון פּערזאָנען פֿון דער געגעבענער רעליגיע. די מחברים פֿונעם געזעץ האָבן דערמיט געוואָלט ליקווידירן די ייִדישע פֿאַבריקן און געשעפֿטן פֿון קריסטלעכע רעליגיעזע חפֿצים וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אַ ריי שטעט פֿון פּוילן, ווי טשענסטאָכאָוו, וואַרשע, קראָקע א״אַ. די שטראָפֿן פֿאַר נישט אויספֿירן דאָס געזעץ זײַנען געווען גאַנץ הויכע (3,000 זלאָטעס און 3 חדשים תּפֿיסה, אַחוץ דעם ווערן די חפֿצים קאָנפֿיסקירט).

---

11 דצ״וו, נומ׳ 82, פּאָז׳ 568.

12 דאָרטן, פּאָז׳ 569.

13 דצ״וו, נומ׳ 25, 5טן אַפּריל 1937, פּאָז׳ 171.

14 דצ״וו, נומ׳ 19, 28סטן מאַרץ 1938, § 149.

האַנדל מיט פּראָדוקטן פֿון די מלוכה־מאָנאָפּאָלן און מיליטער־צושטעלונגען

מיר האָבן שוין פֿריִער דערמאָנט וועגן באַזײַטיקן ייִדן פֿון דער פֿאַר־מלוכישטער טאַבעק־אינדוסטריע. אין אָקטאָבער 1937 איז פֿאַרגעקומען אַ צו־זאַמענפֿאָר פֿון פּוילישע סוחרים, וואָס האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס זיך צו ווענדן צו די געהעריקע מאַכטאָרגאַנען וועגן באַזײַטיקן ייִדן פֿון האַנדל מיט אַלע מאָנאָפּאָל־אַרטיקלען. דעם 12טן אָקטאָבער ווערט אַרויסגעשיקט אַ ציר־קולאַר צו אַלע טאַבעק־סוחרים אין וואַרשע, אַז זיי זאָלן אָנגעבן זייער רעליגיע. אין אָקטאָבער 1938 גיט דער פֿינאַנץ־מיניסטער אַרויס אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע טאַבעק־געשעפֿטן מוזן זײַן אָפֿן אויך אום שבת, כּדי אויף אַזאַ אופֿן פּטור צו ווערן פֿון די ייִדישע געשעפֿטן; די רעגירונג האָט געהאָפֿט, אַז אַ גרויסער טייל ייִדן וועט זיך אָפּזאָגן פֿון די פֿאַרקויף־קאָנצעסיעס אַבי נישט מחלל שבת זײַן. ווען דאָס האָט נישט אין גאַנצן געהאָלפֿן, האָט מען שוין פֿאַר די ייִדן מער נישט באַנײַט די קאָנצעסיעס. לויט די אויסרעכענונגען פֿון ייִדישע ווירטשאַפֿט־לעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן 30,000 ייִדן צוליב דעם פֿאַרלוירן זייער חיונה, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, ווי וועטעראַנען, מלחמה־אינוואַלידן אד״גל. אַ דעלעגאַציע פֿון עקזעקוטיוו פֿון די ייִדישע דעטאַ־ליסטן און קליינהענדלערס צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון טאַבעק־מאָנאָפּאָל האָט אָנגעוויזן אויפֿן סמך פֿון באַריכטן פֿון 200 שטעט, אַז מען האָט באַנײַט בלויז אײן פּראָצענט פֿון די פֿריִערדיקע ייִדישע קאָנצעסיעס און דאָס אויך נאָר כּמעט בלויז פֿאַר מלחמה־אינוואַלידן. אָבער קיין שום אינטערווענצן האָבן נישט געפּועלט.

אין אָנהייב 1938 ווערן אין אַ רײ שטעט (לובלין, קאָברין, ליקעווע א״אַ) נישט באַנײַט די ייִדישע קאָנצעסיעס צו האַנדלען מיט בראָנפֿן.

אין אָקטאָבער 1938 זאָגט מען אָפּ ייִדישע סוחרים צו באַנײַען זייערע ליצענצן צו אימפּאָרטירן סחורה פֿון אויסלאַנד. אין דער זעלבער צײַט מעלדט די מיליטערישע אינטענדאַנטור די ייִדישע פֿלייש־צושטעלערס, אַז זייערע צו־שטעלונגען ענדיקן זיך און אַז זיי וועלן מער קיין באַשטעלונגען נישט באַקומען.

אומבאַוועגלעכע גיטער

באַגרענעצונגען בײַם קויף און פֿאַרקויף פֿון ערד זײַנען פֿאַרבליבן אין די באַזונדערע געביטן נאָך פֿון די פֿריִערדיקע רוסישע געזעצן. אָבער דאָס זעלבשטענדיקע פּוילן האָט נישט אָפּגעשאַפֿט די באַגרענעצונגען, נאָר נאָך אײַנגעפֿירט נײַע. אַזוי למשל פֿאַראָרדנט די רעגירונג דעם 5טן מאַרץ 1920, אַז די אַזוי גערופֿענע „פֿרעמדע״ טאָרן נישט קויפֿן קיין אומבאַוועגלעכע גיטער אָן דער דערלויבעניש פֿון אינערן־מיניסטער. דעם 26סטן מאַרץ 1920 איז דאָס געוואָרן נאָך פֿאַרשאַרפֿט, מען האָט געפֿאָדערט אַ דערלויבעניש אויך פֿון פֿינאַנץ־מיניסטער. די פֿאַראָרדענונג האָט אָנגערירט קרוב 100,000 ייִדן.

אין פֿרילינג 1924 ווערט פֿאַרווערט ייִדן צו קויפֿן ערד אין פּויזן. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס מאַכט אוממעגלעך

יעדער פֿאַרקויף פֿון אומבאַוועגלעכע גיטער אָן אַ דערלויבעניש פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. אינעם לעצטן פֿאַרמלחמה־פּעריאָד איז דאָס באַקומען אַזאַ דערלויבעניש פֿאַר אַ ייִדן אין די גרענעץ־געביטן געווען איינע פֿון די שווערסטע זאַכן.

פֿרײַע פּראָפֿעסיעס

די באַטײַטיקע צאָל ייִדן אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס איז אַלע מאָל געווען אַ דאָרן אין אויג פֿון דער רעאַקציע. מען האָט געטאָן אַלץ, אַז די צאָל ייִדן אין די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס זאָל זיך פֿאַרקלענערן. די מיטלען זײַנען געווען פֿאַרשיידענע: ס'האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿון די אוניווערסיטעטן, ווו דער צוטריט איז פֿאַר ייִדן געוואָרן אַלץ מער אָפּגעשלאָסן. צו ערשט איז אײַנגעגאַנגען דער לאָזונג „נומערוס קלאַוזוס", אַ פּראָצענט־נאָרמע אויף געוויסע פֿאַקולטעטן, אויפֿן מעדיצינישן, פֿאַרמאַצעווטישן, דענטיסטישן. שפּעטער אָבער איז דאָס אויך געווען צו פֿיל פֿאַר די פֿאַשיסטיש געשטימטע סטודענטן, און זיי האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג „נומערוס נולוס". עס זײַנען טאַקע פֿאַקטיש כמעט ווי פֿאַרמאַכט געוואָרן די טויערן פֿון די אוניווערסיטעטן פֿאַר דער ייִדישער יוגנט. אָבער פֿון די פֿריִערדיקע יאָרן איז נאָך געבליבן אַ היפּש ביסל ייִדישע סטודענטן און זיי איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַן אמתן גיהנום. בײַם אָנהייב פֿון יעדער אַקאַדעמישן יאָר הייבן זיך אָן וויסטע געשלעגן און טעראָרעקטן איבער דער ייִדישער אַקאַדעמישער יוגנט. מען האָט זיי געוואָלט פֿאַרמיאוסן דאָס לעבן און אויף אַזאַ אופֿן צווינגען צו פֿאַרלאָזן די אוניווער־סיטעטן. אַ מאָל זײַנען די אומרוען פֿאָרגעקומען אונטער דעם אויסרייד, אַז די ייִדישע סטודענטן שטעלן נישט צו קיין געהעריקע צאָל מתים אין די פּראָ־סעקטאָריומס, אַן אַנדערש מאָל האָט מען געזאָגט אָפֿן, ווײַל ס'זײַנען דאָ צו פֿיל ייִדן אויף די אוניווערסיטעטן.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז די געשלעגן זײַנען פֿאָרגעקומען פֿאַר די אויגן פֿון די רעגירונגס־אָרגאַנען, וואָס האָבן זיך נישט אַרײַנגעמישט אונטערן תּירוץ פֿון „אומבאַרירלעכקייט" פֿון דער אינערלעכער אַקאַדעמישער אויטאָנאָמיע.

פֿאַר טייל ייִדישע סטודענטן וואָס האָבן שוין געענדיקט זייער שטודיום האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע שוועריקייטן, דער עיקר פֿאַר יוריסטן. ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט האָט אַ ייִדישער יוריסט נישט געקענט האָבן קיין שום האָפֿענונג, ער זאָל ווערן אַ ריכטער אָדער אַ פּראָקוראָר (אמת ס'זײַנען געווען אַ פּאָר ייִדישע ריכטערס און פּראָקוראָרן, אָבער זייער צאָל האָט מען געקאָנט ציילן אויף די פֿינגער. טייל זײַנען געווען געשמדט). ס'איז דעריבער פֿאַרשטענד־לעך אַז דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע יוריסטן וואָס האָבן געענדיקט דעם אוניווערסיטעט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אַדוואָקאַטור. די פּוילישע יוגנט האָט געקאָנט אויסוויילן צווישן ווערן אַ ריכטער, אַ פּראָקוראָר אָדער אַן אַדוואָקאַט. אַחוץ דעם האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייטן צו באַקומען רעגירונגס־פּאָסטנס אָדער אַרבעטן אין די זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג־אָרגאַנען, פֿאַרזיכערונגס־אַנשטאַלטן אד"גל. פֿאַר ייִדן איז דאָס אַלץ געווען פֿאַרשלאָסן. איז געבליבן בלויז

אַדוואָקאַטור. אָבער אויך כּדי צו ווערן אַן אַדוואָקאַט האָט מען געמוזט אַדורכ־מאַכן די שווין דערמאָנטע „אַפּליקאַציע" און ס'איז געגנוג געווען צו הייסן ראָזענבערג אָדער זילבערשטיין אַז מען זאָל דאַרפֿן וואַרטן יאָרן אויף אַ נאָמי־נאַציע פֿון יוסטיץ־מיניסטער צו ווערן אַן אַפּליקאַנט. פּוילישע יוריסטן האָבן בדרך־כּלל באַקומען אַ נאָמינאַציע במשך פֿון עטלעכע וואָכן. ס'איז מיר באַקאַנט אַ פֿאַל, ווען אַ ייִדישער יוריסט, וואָס זײַן נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען האָבן געקלונגען פּויליש האָט באַקומען אַ נאָמינאַציע אין משך פֿון אַ פּאָר וואָכן, ווען מען האָט זיך אָבער געכאַפּט אויפֿן „טעות" איז די נאָמינאַציע צוריק־געצויגן געוואָרן.

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן איז די צאָל ייִדן אין דער אַדוואָקאַטור און אין דער דאָקטוירים־פּראָפֿעסיע געווען רעלאַטיוו גרויס, און די רעאַק־ציאָנערע עלעמענטן, ווי אויך די רעגירונגס־פֿאַקטאָרן האָבן כּסדר געזוכט מיטלען ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם שטראָם ייִדן צו די דערמאָנטע פּראָפֿעסיעס.

דעם 4טן מײַ 1938 נעמט דער סיים אָן אַ געזעץ וואָס באַפֿולמעכטיקט דעם יוסטיץ־מיניסטער צו שליסן די אַדוואָקאַטן־ליסטעס אויף אַ טערמין פֿון 7 יאָר. דאָס געזעץ איז געווען אַזוי קאָנסטרויִרט, אַז עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי ס'וואָלט געהאַט אַ שײַכות צו אַלע בירגערס, פֿאַקטיש אָבער איז עס געווען געווענדעט נאָר קעגן ייִדן, ווײַל דאָס געזעץ האָט פֿאָרויסגעזען, אַז דאָס שליסן די אַדוואָקאַטן־ליסטע האָט נישט קיין שײַכות צו די ווײַטערדיקע קאַטעגאָריעס: (1) פּראָפֿעסאָרן און לעקטאָרן אויף יורידישע פֿאַקולטעטן אין די פּוילישע הויכשולן; (2) ריכטערס, פּראָקוראָרן, אָפֿיצירן וואָס האָבן אויסגע־פֿירט אין די מיליטער־געריכטן די פֿונקציעס פֿון ריכטערס אָדער פּראָקוראָרן אין משך פֿון 3 יאָר, און באַאַמטע וואָס האָבן אין משך פֿון 3 יאָר אויסגעפֿירט פֿונקציעס פֿון ריכטערס אין אַדמיניסטראַטיווע געריכטן; (3) נאָטאַרן; (4) פּער־זאָנען וואָס האָבן באַליגט אַ ריכטער־עקזאַמען און אַזעלכע וואָס האָבן אין משך פֿון 3 יאָר געאַרבעט ווי רעפֿערענטן, אָדער ווי יוריסטן אין דער אַדמיני־סטראַציע. אַט פֿאַר די קאַטעגאָריעס איז די אַדוואָקאַטור געווען אָפֿן ווי פֿרײַער. ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז דער רובֿ פּוילישע יוריסטן האָט געקענט זייער לײַכט באַקומען איינעם פֿון די אויסגערעכנטע אַמטן ווערט קלאָר, אַז פֿאַר די פּוילישע יוריסטן איז דאָס שליסן די אַדוואָקאַטן־ליסטע נישט געווען קיין שום שטער אויף אַריבערצוגיין אין דער אַדוואָקאַטור. דאָס געזעץ האָט אויך פֿאָרויסגעזען, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער האָט דאָס רעכט צוצולאָזן אין געוויסע ערטער אַ קאָנטינגענט נײַע אַדוואָקאַטן און געהילפֿן הגם די אַדוואָקאַטן־ליסטע איז געשלאָסן. דער יוסטיץ־מיניסטער האָט טאַקע אויסגענוצט זײַן רעכט, אָבער נאָמינירט האָט ער בלויז פּוילישע אַדוואָקאַטן. קיין איין איינציקער ייִד איז נישט נאָמינירט געוואָרן.

דאָס דאָזיקע געזעץ האָט אָנגערירט אַן ערך 3,000 ייִדישע יוריסטן, וואָס האָבן געהאַט אָפּגעגעבן אַ סך יאָרן פֿון זייער לעבן צו ענדיקן דעם אוניווער־סיטעט און שפּעטער אַדורכגעמאַכט די געריכטס־אַפּליקאַציע. צווישן די באַ־וואָלטע האָבן זיך אויך געפֿונען אַ סך, וואָס האָבן שוין אַפֿילו געהאַט אויסגעהאַלטן

דעם אַדוואָקאַטן־עקזאַמען. דאָס געזעץ האָט פאָרויסגעזען, אַז אויב מען ווערט אין משך פון 2 יאָר נישט צוגעשריבן צו דער אַדוואָקאַטן־ליסטע מוז מען אָנהייבן די גאַנצע אַפּליקאַציע פון דאָס נײַ. אַ פאָרשפּיל צו דעם געזעץ איז געווען דאָס אָננעמען דעם אַ״ג אַריער־פּאַראַגראַף אויפן צוזאַמענפאָר פון די רעאַק־ציאָנערע פוילישע אַדוואָקאַטן. דאָס האָט געהייסן, אַז צו דער אָרגאַניזאַציע פון פוילישע אַדוואָקאַטן טאָרן קיין יידן נישט געהערן. אַזאַ באַשלוס האָט אויך אָנגענומען דער צוזאַמענפאָר פון די יונגע פוילישע יוריסטן. ס׳איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז אין שײַכות מיט די באַשלוסן האָט דער פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע יוריסטן אין פוילן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף קעגן דער פוילישער רעאַקציאָ־נערער אַדוואָקאַטור.

דעם 29סטן מײַ 1938 קומט פאָר אין קאַטאָוויץ דער צוזאַמענפאָר פון די דאָקטוירים־פאַרבאַנדן אין דער פוילישער רעפּובליק. אָט דער צוזאַמענפאָר נעמט אָן דעם אַריער־פּאַראַגראַף, ד״ה אַז יידן און פערזאָנען פון יידישער אָפּשטאַמונג דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דאָקטוירים־פאַרבאַנד. דעם 13טן יוני 1938 קומט זיך צונויף אויף אַ סעסיע דער מלוכישער הויפּט־געזונט־הייטס־ראָט, וואָס באַשליסט פאַרצולייגן אַ געזעץ לויט וועלכן דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום איז באַפולמעכטיקט צו שליסן די דאָקטוירים־ליסטע אין געוויסע געגנטן אויב ס׳וועט נייטיק זײַן. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז מען וויל אַזוי אַרום צווינגען יונגע דאָקטוירים זיך צו באַזעצן אין דערפער און שטעטלעך, אָבער ס׳איז געווען קלאָר, אַז דאָ גייט פראָסט פּשוט אין באַגרענעצן די צאָל יידן אין דער דאָקטוירים־פּראָפעסיע.

דאָס אַנטי־שחיטה־געזעץ

דעם 17טן אַפּריל 1936 ווערט אָנגענומען אין סיים דאָס אַזוי גערופענע שחיטה־געזעץ, וואָס פירט אײַן שאַרפע באַגרענעצונגען פאַר יידישער שחיטה. עס ווערן באַגרענעצט די צאָל בהמות וואָס מעגן געשאָכטן ווערן אויף כּשר, די צאָל שחיטה־פּלעצער און די צאָל פאַרקויפערס פון כּשר פלייש. דאָס כּשרע פלייש מוז אויך טראָגן אַ ספּעציעלן שטעמפּל. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז מען נעמט אָן דעם געזעץ מחמת הומאַניטאַרע טעמים, ס׳איז אָבער פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער אמתער ציל פון געזעץ איז געווען אַרויסצו־שטויסן יידן פון פליישהאַנדל, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אין יידישע הענט. ווען די רעגירונג האָט זיך שפּעטער אַרומגעזען, אַז נישט געקוקט אויף די באַגרענעצונגען זײַנען נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ גרויסע צאָל יידן אין דער פלייש־אינדוסטריע, ווערט אַרײַנגעטראָגן אין סיים אַ נײַ געזעץ וואָס פאַרווערט אין גאַנצן די יידישע שחיטה. בעתן באַטראַכטן דאָס געזעץ ווערן געהאַלטן שאַרפע רעדעס קעגן יידישן פאָלק בכלל און קעגן דער יידישער רעליגיע בפרט. ס׳איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז די מיניסטאָרן פון לאַנדווירטשאַפט און פון בילדונג און אמונות האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם געזעץ, אָנווײַזנדיק אַז דאָס איז קעגן דער קאָנסטיטוציע און אַז עס וועט ברענגען שאָדן דער לאַנדווירטשאַפט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן.

דעם 25סטן מאַרץ 1938 ווערט דאָס געזעץ דורכן סיים אָנגענומען און עס ווערט איבערגעשיקט צום סענאַט צום באַשטעטיקן. אָבער אײדער דער סענאַט האָט באַוויזן צו באַטראַכטן דאָס געזעץ איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

דאָס לאַנדווירטשאַפֿט־מיניסטעריום, וואָס איז געווען קעגן פֿאַרווערן די יידישע שחיטה, איז אָבער געווען דערפֿאַר אַז מען זאָל באַגרענעצן ייִדן אין דעם האַנדל מיט בהמות. אין יוני 1938 טראָגט דאָס מיניסטעריום אַרײַן אַ געזעץ אין סיים וואָס באַשטימט, אַז נאָר לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און געשווירענע מעקלערס מעגן זיך פֿאַרנעמען מיט בהמות־האַנדל.

אַזוי האָט אויסגעזען דער רעכטלעכער מצבֿ פֿון די ייִדן אין פּוילן ביז 1939, ווען נאַצי־דײַטשלאַנד האָט אָנגעהויבן די אויסראָטונג פֿון די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן.